# אין ליכט פון תורה

ספר

## שיחות חיים



10

ספר

# שיחות חיים

מכ"ק אדומו"ר דעם היילינגען בעוויסטען
צדיק מרן הגה"ק

## ר' חיים מאיר יחיאל ממאגלינצע

וצהל"ה:

אין דיזען ספר ווערט בעשריבען ווינדעליכע זאכין פון
היילינגען צדיק רבי ר' חיים מאיר יחיאל
ממאגלינצע זצ"ל אזוי ווי מיר האבין אדוים גענימען
פון היילינגע ספרים.

---

10

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

# שיחות חיים

דער הייליגער מאַגעלניצער רבי זכרונו לברכה האָט דער ציילט אַז
און דער ערשטער צייט ווען דער מגיד איז אויפגענומען
געוואָהרען קיין קאָזעניץ איז דאַמאָלסט געווען אַסאַך וואָס זענען געווען
זיינע געגנער דורך זיינע מנהגים און זיינע תורות. איינמאָהל שבת חזון
איז דער מגיד פרייטאָג צו נאַכט׳ס געקומען דאַווינען און דער אַטלעסינער
קאַפּאָטע און אין שטריימעל אַזוי ווי אַלע שבת און וויל דיא אַלע
גרעסטע בעלי בתים פון שטאָדט זענען געווען אשכנזים מתנגדים וואָס זיי
זענען זיך נוהג נישט אָהנצוטוהן און שבת חזון קיין שבת׳דיגע מלבושים
און דער גרעסטער פון זיי איז געווען איינער ר׳ שלמה חסיד מען האָט
איהם אַזוי גערופען בלשון סגי נהור וויל ער איז געווען אַ גרויסער
מתנגד און ער איז געווען אַ גרויסער תלמוד חכם נאָך ווי די חברה
מתנגדים האָבען זיך אַדורך געשמיסט וועגען זיינע משונה׳דיגע התנהגות
איז ביי זיי געבליבען אַז מען דאַרף דעם מגיד פריהער מתרה זיין און
אויב ער וועט נישט האָרכען וועלען זיי זיך מיט איהם אָב רעכנען. זענען
זיי צו איהם צו געגאַנגען און איהם געזאָגט דאָס ער זאָל שוין מעהר נישט
טוהן אַזעלכע נאַרישקייטען און אויב ער וועט נישט הערען וועלען זיי זיך
און איהם נוקם זיין האָט דער מאַגעלניצער זכרונו לברכה דאַמאָלסט
געזאָגט דאָס ווייסען אַלע וואָס האָבען געקענט מיין זיידען דעם מגיד זכרונו
לברכה אַז ער איז שטענדיג געווען פערטראָגען און זיינע הייליגע
געדאַנקען און ער האָט גאָהר נישט געהערט וואָס זיי האָבען צו
איהם גירעדט און מסתמא איז דער מגיד שבת חזון אויך געקומען
דאַווינען און דער שבתדיגער קאַפּאָטע און אין שטריימעל. זענען די
מתנגדים זייער פערדראָסיג געוואָרען און האָבען זיך אַרום איהם אַרום
גישטעלט כדי איהם מקיים פסק זיין און דורך דער הילף פון זיינע גוטע
פריינד איז איהם געלונגען צו אַנטלויפען און ער איז אַרויס געלאָפען אונטער
דער שטאָדט און האָט זיך בעהאַלטען אין אַ מיהל אַ גאַנצען שבת און מוצאי
שבת קודש האָט ער געבעטען דעם מילנער ער זאָל מיט איהם פאָהרען
קיין זעליחאָב וואָס דאָרט איז געווען רב דער קדושת לוי וואָס איז
דערנאָך

דערנאך געוועזען רב אין בערדיטשוב האט דער מגיד געבעטען דעם שמיסער ער זאל אינטער יאגען די פערד הייל ער האט מורא געהאט אז די קאזניצער בעלי בתים זאלען איהם נישט נאך יאגען האט דער שמיסער נישט געוואלט נאר בתנאי אז דער מגיד זאל איהם בענטשען האט איהם דער מגיד גיבענטשט מיט אריכת ימים און ווי דער מגיד איז געקומען קיין זעליחוב און האט דאס דער ציילט דעם קדושת לוי זכרונו לברכה האט עס דעם קדושת לוי שטארק פערדראסען האט ער געזאגט ער וועט זיך שוין אב רעכענען מיט זייער אהנפירער ר׳ שלמה חסיד און דער קדושת לוי האט געהאט א מנהג דאס איידער ער האט געוואלט עפיס א גרויסע זאך פון הימעל איז ער געגאנגען אין מקוה אריין איז ער יעצט אויך געגאנגען אין מקוה אריין אזוי ווי ער איז אריין געגאנגען און וואסער אריין איידער ער האט זיך נאך טובל געוועזען האט ער גיהערט א קול לוי יצחק לאז געמאך מיין קינד און אויך נעם זיך ניט אונטער שלום צו מאכען ווי דער קדושת לוי האט גיהערט דאס קול איז ער ארויס געגאנגען פון מקוה און איז אהיים געגאנגען און אין א פאהר שעה ארום איז אריין געקומען קיין זעליחוב אלע קאזעניצער בעלי בתים און ר׳ שלמה חסיד אויך מיט זיי און האבין דעם מגיד איבער גיבעטען און האבען זיך גענומען פאר א קנס זיי זאלען איהם מוסיף זיין נאך א פאהר גולדען אויף זיין פענסיע און אז דער מאגלינצער רבי זכרונו לברכה האט געקאנצעט די מעשה האט ער געזאגט יעצט האט מען שוין געמעגט רופען ר׳ שלמה חסיד ווייל ער איז געווארען איין אמת׳ער חסיד דעם מגיד׳ס פון דער מעשה קאנען מיר ארויס לערנען ווי הייליג עס זענען די ווערטער פון אונזערע הכמים זכרונם לברכה אז א מחלוקת וואס איז לשם שמים קומט דער פון גיטס ארויס אזוי דא וואס ביידע צדדים סאי דער צד פון מגיד זכרונו לברכה סאי פון ר׳ שלמה חסיד האבען ערינסט גימיינט נאהר צו דינען השי״ת האט השי״ת געהאלפען דאס זיי האבען זיך פעראייניגט און זיי זענען געווארען ערליכע חסידים השי״ת זאל אינז אויך העלפען דאס מיר זאלען איהם קענען דינען באמת און מיר זאלען געהאלפען ווערין מיט אלעם גוטען זכותם יגן עלינו ואכי״א:

**דער הייליגער** מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה האט דערציילט אז דער יוד הקדוש פלעגט אסאך מאהל צו פאהרען קיין קאזעניץ צום מגיד זכרונו לברכה און דער יוד הקדוש פלעגט קיינמאהל נאהר נישט צו פערזוכען ביים טיש ווייל דער יוד הקדוש פלעגט הערשט מקבל

מקבל שבת צו זיין נאך דעם טיש. און דער מגיד פלעגט צו זעטצען דעם יוד הקדוש לעבען זיך און האט איהם געגעבען צו טיילען דעם עולם שיריים. איינמאהל ווען דער יוד הקדוש איז געקומען קיין קאזעניץ האבען איהם זיינע שונאים פער׳מסרט דאס ער פערזוכט גאהר נישט ביים טיש און דאס פאסט נישט פאר דעם מגיד. האט דער מגיד איהם שוין נישט געגעבען קיין שיריים צו טיילען. נאך דעם טיש איז דער יוד הקדוש געגאנגען אויף זיין סטאנציע און האט מקבל שבת געוועזען נאך קבלת שבת האט ער געשיקט זיין משמש ער זאל ברענגען א קווארט מעהד און ווי ער האט געברענגט דעם מעד האט איהם דער יודי הקדוש געהייסען איינגאנצען אויסטרינקען און גיין שלאפען. ווי דער משמש איז גיך אנטשלאפען געווארען האט דער יוד הקדוש זיך שטארק פערטיפט און זיינע געדאנקען און איז ארום געלאפען אהין און צוריק און האט אזוי גירעדט צו זיך אליין וואס מיינט דער מגיד איך בין פון איהם געקומען מקבל זיין חסידות. ניין! נאהר ווייל ער איז א שוואכער מענש בין איך איהם געקומען צו העלפען און עבודות און האט אזוי עטליכע מאהל איבער געחזרט. און דעם איז אריין געקומען א שליח פון מגיד און האט געזאגט צום יוד הקדוש דער מגיד האט מיך צו אייך געשיקט איך זאל אייך זאגען און בעטען אזוי ווי ער איז א שוואכער מענטש און איהר לאזט איהם נישט שלאפען מארגען וועט ער שוין מבטל אלעס און ארדענונג. און אזוי איז געוועזען דאס שבת און דער פריה האט דער מגיד צוריק געזעצט דעם יוד הקדוש לעבען זיך און האט איהם געגעבען צו טיילען שיריים. פון דאנען קען מען זעהן ווי גרויס דער יוד הקדוש איז געוועזען און עס איז געוועזען מעשה שטן דאס ער האט געהאט אזוי פיהל שונאים וואס זיי האבען איהם אומעטום גערודפ׳ט און הייבען אויף איהם אויס געקלערט פערשידינע עצות ווי אזוי איהם צו פערפאלגען. השי״ת זאל אונז אב היטען פון אלעם ביזן און פון שנאת הבריות אמן:

## דער מאגעלניצער רבי האט דערציילט אז איינמאהל ווען ר׳ דוד׳ל לעליבער זכרונו לברכה איז געוועזען און ליזענסק

האט ער גיהערט אז דער רבי פון לובלין זכרונו לברכה איז געקומען אויף שבת און דער רבי פון לובלין האט זיך און ליזענסק אויף געפיהרט א ביסעל רבי׳ש און האט מיט זיך מיט געהאט א משמש. און ווי ר׳ דוד׳ל איז געוואהר געווארען איז ער תיכף געלאפען אויפען רבינ׳ס סטאנציע שלום צו נעמען און דאס איז געוועזען פרייטאג פאר נאכט האט ר׳ דוד׳לן אויס

געוויזן

נעווינזען אז דער רבי וויל ניִשט מען זאָל איהם יעצט באַלמיטשען האָט ער בייַ איהם שלום גענומען אין האָט זיך צו געאיילט אַוועק צו גיין אין איז אַוועק געגאַנגען אויף זיין סטאַנציע נאָהר דער רבי האָט איהם תיכף געהייסען צוריק רופען אין האָט צו איהם געזאָגט ר׳ דוד ווייסט איהר ווען עס ווערט שבת האָט איהם ר׳ דוד׳ל געענטפערט יאָה יאָה. איך וויס ווען עס ווערט שבת זעהט איהר ווען עס ווערט שבת קלאַפט אָהן בייַ מיר דיא האַנד אין ער האָט דעם רבין געוויזען זיין האַנד אז אין דער מינוט ווען עס איז געוואָהרען שבת האָבען די אָדערען פין זיין האנד אָהנגעהויבען צי קלאַפען. האָט איהם דער רבי געזאָגט אַזוי ווייסט איהר יאָה ווען עס ווערט שבת וועל איך אייך דערציילען אַ מעשה איין אַ פּאָריצ׳ס אַ טאָכטער האָט זיך פערליבט אין אַ געגנעראַלס אַ זוהן חאָטש עס איז ניִשט צו פערשטיין אַז וויא באַלד דער זכר איז פין אַ גרעסערען שטייגער אין דיא נקבה איז פין אַ קלענערען שטייגער עס זאָל דער פין ווערען אַ זיווג אָבער אַז השי״ת וויל מיז דערפין ווערען אַ זיווג. דער נאָך האָט איהם דער רבי גיפרעגט איהר פערשטייט וואָס איך האָב אייך דערציילט האָט ר׳ דוד׳ל לעליבער צו געשאָקעלט מיטען קאָפּ יאָה איך פערשטייא. דער סוד געפינט זיך אין היילינגען ספר „עץ החיים״ אין דעם דף איז דער רבי פין לובלין זכרונו לברכה דער פין שטאַרק איבער רעשט געוואָרען און האָט ר׳ דוד׳לן אַרום געחאַפּט און געקישט און איהם געזאָגט זייט בייַ מיר דאָס האָט ער געמיינט ער זאָל זיין פון זיינע חסידים. דערנאָך אַז דער רבי פון לובלין איז געגאַנגען צום רבין ר׳ מלך שלום נעמען האָט איהם דער רבי ר׳ מלך געזאָגט די קומסט מיר צו נעמען מיינע חסידים מיר וועלען דיר סאַי ווי סאַי געבען נאָהר חאַפּ ניִשט און אַזוי איז טאַקע געוועזען דאָס דער רבי ר׳ מלך האָט געקריינט דעם רבין פון לובלין פאַר אַ רבין אַ יאָהר אַיידער דער רבי ר׳ מלך איז נפטר געוואָהרען און ר׳ דוד׳ל לעלובער איז נאָך געפאָהרען צום רבין פון לובלין ביים רבין ר׳ מלך׳ם לעבען פון דער מעשה קענען מיר זעהן וויא גרויס דער כח די קדושה פון די צדיקים איז דאָס זייערע אַלע אָדערען דערפילען תיכף אַז עס קומט קדושת שבת השי״ת זאָל אינז העלפען אַז מיר זאָלען האָבען אמת׳דיגע אמונת צדיקים און זייער זכות זאָל אינז בייַ שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אַלעם גוטען אמן:

דער הייליגער מאַגעלניצער זכרונו לברכה האָט דער ציילט דער רבי ר׳ מלך פון ליזענסק זכרונו לברכה האָט געהאַט אַ זוהן

ר׳

ר׳ אלעזר איינמאהל האט דער רבי ר׳ מלך געזאגט צום זוהן ער זאל זיך פאהרען זיכען א רביין האט דער זוהן איהם געפרעגט ווי זאל איך מיר זיכען האט איהם דער רבי ר׳ מלך געזאגט ער זאל פאהרען צו ר׳ פנחס קארצער זכרונו לברכה איז ר׳ אלעזר אוועק געפאהרען אויף שבת קיין קאריץ און ר׳ אלעזר האט גירעכינט אז מסתמא אז דער פאטער הייסט איהם פאהרען קיין קאריץ איז ר׳ פנחס א גרעסערער צדיק פון זיין פאטער און ער וועט פון איהם פערגעוויס הערען א סאך חידושים און נייע דרכים און עבודות פון השי״ת. לײדער האט ער גאהר נישט געהערט ביים שלום נעמען און דער נאך א גאנצען שבת האט ער אויך נישט געהערט קיין שום תורה האט ער זיך דרויף זייער געווינדערט, און ווי ער איז אזוי גיזעסען ביי שלש סעודות האט ר׳ אלעזר גיגעבען א שטארקען זיפץ אוי טאטי האט דער רבי ר׳ פנחס קארצער זכרונו לברכה זיך צו איהם אהנגערופען פון וואנין ווייסטו אז ער איז דיין טאטע האט זיך ר׳ אלעזר אויף דער שאלה שטארק פערווינדערט, און דער נאך איז ער אריין געגאנגען צום רבין זיך גיזעגינען און איז א היים געפאהרען ווי דער פאטער האט איהם דערזעהן האט ער באלד צום ערשטען גיפרעגט צו ער האט עפיס געהערט ביי ר׳ פנחס׳ל דברי תורה האט ר׳ אלעזר איהם דערציילט אז ער האט גאהר נישט פון איהם געהערט קיין דברי תורה אויך האט ער איהם דערציילט וואס עס האט זיך איהם גטראפען ביי דעם שלש סעודות ווי ער האט געזיפצט אין ר׳ פנחס האט איהם געזאגט פון וואנען ווייסט ער אז ער איז זיין טאטע האט איהם דער רבי ר׳ מלך געזאגט די האסט איהם גדארפען ענטפערען עס שטייט אין דער תורה „שאל אביך ויגדך״ דער טייטש פין די ווערטער די זאלסט פרעגען דיין פאטער וועט ער דיר זאגען האט דער רבי ר׳ מלך זכרונו לברכה געטייטשט אזוי שאל בארג דאס הייסט אז די הייליגע תורה לערינט איינז אויך א יוד האט נאך נישט זוכה געווען דאס השי״ת זאל זיין פאטער דורך זיינע גיטע מעשים אזוי ווי אינזערע חכמים זכרונם לברכה האבען געזאגט אז דאמאלסט ווען די יודען טוהן דעם רצון פין השי״ת הייסען זיי א זיינע קינדער אין ער זייער פאטער זאל ער זיך בארגען אזוי ווי איינער האט יעצט נישט קיין געלד אין ער בארגט זיך ער זאל שפעטער צוריק געהען איז אזוי דער פשט פין פסוק שאל בארג אביך אפילו די רופסט השי״ת טאטע נישט מיט דיינע יעצטיגע מעשים טובים נאהר אין זכות וואס די וועסט שפעטער טוהן ויגדך וועט

**וועט ער דיר אויך ענטפערן זיין זכות זאל אונז ביי שטיין השי״ת זאל אונז ענטפערן אין אלע גוטען אמן:**

דער הייליגער מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה האט דערציילט אז מען איז איינמאהל געקומען צום קאזעניצער מגיד מיט א מיידעל וואס עס איז אין איהר א ריין א דיבוק ר״ל האט דער מגיד געזאגט צום דיבוק רשע פאר וואס פייניגסטו א יודיש נפש פאר וואס גייסטו נישט ארויס פון דעם מיידעל. האט איהם דער דיבוק גיענטפערט ביז וואס רעד איהר אזוי גרויס צו מיר און מיינע צייטען האבען קינדער פון זעקס יאהר גרעסערי מדרגות געהאט פון איך האט איהם דער מגיד נאך א מאהל געזאגט רשע זאג מיר ווער די ביסט און אז נישט וועל איך דיך פערווארצען און שאול תחתות אריין האט דער רוח געזאגט איך בין געוועזען א יודישער פולקאווניק פארן ערשטען בית המקדש און דאמאלסט ווען די יודען האבען גע׳הרג׳עט זכרי׳ הנביא האב איך איהם געגעבען דעם ערשטען קלאפף האט דער מגיד געזאגט אויב אזוי וויל איך אז די זאלסט דיך צו מיר בעוויזען האט דער דיבוק געזאגט און שטיב קען ער נישט ווייל עס איז איהם צו ענג נאר אויב דער מגיד וויל איהם זעהן זאל ער ארויס גיין און פעלד אריין וועט ער זיך צו איהם בעווייזען נאהר ער זאל מיט זיך מיט נעמען עטליכע מענטשען אויב ער וועט פערחלש׳ט ווערען זאלען זיי איהם דערמינטערן האט דער מגיד אזוי געטוהן און איז ארויס געגאנגען און פעלד אריין און האט אויך מיט זיך מיט גענומען עטליכע מענטשען און ווי דער דיבוק האט זיך צו איהם בעוויזען איז ער אביסעל איבער גישראקען געוואהרען נאהר ער האט זיך באלד צוריק געשטארקט דער נאך האט דער מגיד געזאגט צום דיבוק גייא קיין לובלין אין דארט וועסטו זיכער האבען א תיקון איז מען געגאנגען מיט דעם דיבוק צום רבי׳ן פין לובלין זכרונו לברכה אין ווי זיי זענען אריין געקומען צום רבי׳ן האט ער געזאגט צום דיבוק רשע ווער ביסטו האט ער שטיל געזאגט איך בין דער וואס האט דעם ערשטען קלאפף געגעבען זכרי׳ הנביא אין בית המקדש האט דער רבי פין לובלין געזאגט דאס ער וויל איהם זעהן האט ער זיך תיכף בעוויזען אין בית מדרש דער נאך האט זיך דער רבי פון לובלין זכרונו לברכה איבער געדרייט צום עולם וואס זענען דאמאלס דארט געוועזען אין האט געזאגט די וועלט מיינט אז די פריצית וואס זענען געוועזען און דער צייט פון בית המקדש זענען געוועזען

געוועזען פראסטע מענטשען די זאך איז נישט אזוי. נאהר זיי זענען געוועזען גרויסע בעלי מדרגות אין זיי האבען אלעס געוויסט גלייך ווי דער נביא. נאהר זיי האבען געהאט א קבלה אז איידער די גזירה גייט ארויס פון נביא'ס מויל קען נאך דאס פורעניות בטל ווערען אבער אז דער נביא זאגט שוין ארויס דאס נביאות קען מען שוין נישט מבטל זיין דעם גזר איבער דעם האבען זיי געהרג'עט דעם נביא כדי ער זאל נישט קיין נביאות זאגען אין ווי דער רבי האט דאס געזאגט האט דער דיבוק גזאגט דאס יעצט האט ער בעקומען א תיקון און אין די אלע דורות ביז אהער האט ער נישט געפינען קיינעם ער זאל אויף איהם מלמד זכות זיין אין חאטש מען ווייסט אללעס אין הימעל פון דעסט וועגען כל זמן מען זאגט דאס נישט אויף דער וועלט קען דאס בית דין של מעלה נישט בעפרייען איהם פון עונש פון דער מעשה זעהן מיר דעם גרויסען כח פון די צדיקים זייער זכות זאל אינו ביי שטיין אמן :

## פיהל מאהל פלעגט דער מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה צו

שמיסען אז ער וואלט געפאהרען קיין ארץ ישראל און איינמאהל האט ער געזאגט ווען די חסידים זאלען מיט איהם וועלען מיט פאהרען קיין ארץ ישראל וואלט ער באלד געפאהרען און פיהל מאהל האט ער געזאגט אז השי"ת זאל איהם חאטש העלפען ער זאל זיין איין שבת אין ארץ ישראל און דאווענען פאר די כותל מערבי וואלט איך אוודאי אסאך ישועות געפועלט נאהר עס האט זיך נישט אויס געפיהרט איינמאהל שוין א האלב יאהר פאר זיין פטירה האט ער דערציילט די חסידים אז אזוי ווי ער האט זיך געלייגט שלאפען און זיין נשמה איז ארויף געגאנגען און הימעל אריין איז ער אזוי ארויף געגאנגען אלע מאהל און העכערע היכלות ביז ער איז געקומען צום היכל פון משיח האב איך אהנגעקלאפט מען זאל מיר עפענען האט מען מיר תיכף גיעפענט די טוהר און אזוי ווי איך בין אריין געקומען האב איך דארט דער זעהן דעם יוד הקדוש זכרונו לברכה און אזוי ווי ער האט מיך דערזעהן האט ער מיך געפרעגט מאיר לעב וואס טוהסטו דאה ווייל דער יוד הקדוש האט געמיינט דאס איך בין שוין אויך א נפטר האט ער מיך גיפרעגט אזוי פריא מאיר'ל האר אויס אונו אלע האט מען געגארט נאהר עס איז שוין פערפאלען חאטש איך בין א עקשן איך בין אבער נישט קיין בייזער אבער דיא מאיר'ל דיך האט מען איין אריין געגארט די ביסט דאך א בייזער זאלסטו נישט קיקען

וואס

וואס מען וועט דיר צו זאגען דערנאך האב איך איהם געזאגט אז איך בין נאך נישט קיין נפטר האט ער מיר געזאגט מאריל די האסט איין עצה פאהר קיין ארץ ישראל און דארט וועט דיר גערעטען וואס מיר איז נישט גערעטען אין ער האט מיר געזאגט מאיר׳ל שטיי נישט ליידיג גיי אראב טוא עפיס און ער האט מיר דאס שטרענג געזאגט אין דער מאגעלניצער זכרונו לברכה האט געזאגט אז דער יוד הקדוש האט געמיינט דער מיט וואס ער האט מיך געהייסען פאהרען קיין ארץ ישראל וויל עס איז דאה א שם וואס אז מען זאל דעם שם מכוין זיין וואלט באלד משיח געקומען נאהר דער וואס איז מכוין דעם שם אין חוץ לארץ מיז תיכף נפטר ווערען אזוי ווי עס האט דעם יוד הקדוש געטראפען דעריבער האט ער מיך געהייסען פאהרען קיין ארץ ישראל און דארט זאל איך מכוין זיין דעם שם וועל איך פוילין נאהר ווער קען אזוי א וויטען וועג פאהרען און אויך ווער ווייסט צו מען וועט מיך לאזען פאהרען מן השמים דען דער בעש״ט זכרונו לברכה האט דאך אויך געוואלט פאהרען און מן השמים האט מען איהם נישט געלאזט און איך אליין וויל נישט פאהרען נאהר וועט השי״ת וועט פיהרען אלע גלייך איך וויל פארט ליגען לעבען זיידען:

דער היליגער מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה האט דערציילט ווען ר׳ דוד׳ל לעלובער זכרונו לברכה איז דאס ערשטע מאהל געפאהרען קיין ליזענסק אין ער האט געדארפען א דורך פאהרען דורך דעם שטעטעל לאנצוט וואס דארט האט געוואהנט דער היליגער רבי פון לובלין זכרונו לברכה ווי ער איז געקומען קיין לאנצוט האט ער געפרעגט אין שטאדט צו עס איז עפיס דאה א תלמיד חכם האבען איהם די שטאדט לייט אהנגעוויזען אויפן רבי׳ן פון לובלין און דער רבי פון לובלין איז נאך דאמאלסט געוועזען א יונגער מאן איז ר׳ דוד׳ל ארובער געגאנגען צום רבי׳ן פון לובלין האט איהם דער רבי גיפרעגט ווער ער איז האט ער גיענטפערט ער איז א לעלובער האט ער גיפרעגט ווי ער הייסט האט ער געזאגט דוד האט דער רבי פון לובלין אהנגעהויבען צו שרייען איהר זענט דאס דער לעלובער איהר זענט דער לעלובער דער נאך האט דער רבי גיפרעגט ר׳ דודל׳ן ווער איז דער שענסטער מענטש ביי אייך אין לעלוב אין וויל ר׳ דוד׳ל האט נישט געפיהלט אז עס זאל זיין א גרעסערער מענטש פון איהם אין לעלוב אין קיין ליגענט האט ער נישט געוואלט זאגען האט ער נישט גיענטפערט האט איהם דער רבי געזאגט ביישוויגען אין האט גאהר נישט גיענטפערט האט איהם דער רבי געזאגט

פין אייער שוויינען זעהט אויס אז איהר רעכינט אז עס שוין ניט דא קיין גרעסערס פין אייך אין לעלוב גייט איז ר׳ דוד׳ל פין איהם אוועק געגאנגען זייער פערשעהמט אין איז פין דארט געגאנגען קיין ליזענקס אין ער איז אהנגעקומען קיין ליזענקס דאנערשטאג ביי נאכט איז ער תיכף געגאנגען אין רבינ׳ס בית מדרש אריין אין ער האט געוואלט אריין גיין צום רבי׳ן שלום נעמין האבען איהם די משמשים נישט געוואלט אריין לאזען וויל דער רבי האט פריהער שוין געהאט אהנגעזאגט די משמשים דאס זיי זאלען איהם נישט אריין לאזען נאהר ר׳ דוד׳ל האט דער פון נישט בעוויסט איז ער געגאנגען אויף א סטאנציע נעכטיגען אין דער פריא איז ער וויטער געגאנגען צום רבי׳ן שלום נעמען אבער אזוי ווי ער האט גיעפינט דעם רבינ׳ס חדר שלום צו נעמין האט דער רבי ר׳ מלך זיך אויף געשטעלט אין האט אהנגעהויבען צו שרייען ארויס לאזט נישט אריין דעם גאה דערנאך האט ער געפרובט צו גיין צום רבי׳ן שלום נעמען אבער די משמים האבען איהם שוין נישט געלאזט בשום אופן אריין גיין צום רבי׳ן דען דער רבי האט זיי שטרענג אהנגעזאגט אז זיי זאלען איהם נישט אריין לאזען:

און ווי ר׳ דוד׳ל האט געזעהן אז מען לאזט איהם בשום אופן נישט אריין איז ער מיט גרויס עג״נ אהיים געגאנגען און דער וועג פון ליזענסק קיין לעלוב האט געדויערט דריי וואכען און ווי ער איז צוריק געקומען קיין לעלוב איידער ער איז נאך א היים געגאנגען האט ער זיך מיישב געוועזען דאס ער האט נישט גלייך געטוהן וויל אפשר ער וואלט נאך א מאהל געוועזען געפרובט אריין צו גיין צום רבי׳ן וואלט מען איהם געוועזען אריין געלאזט איז ער נישט אריין געגאנגען אין שטיב אריין נאהר ער איז תיכף צוריק געגאנגען קיין ליזענסק און ווי ער איז אריין געקומען און ביהמ״ד אריין איז פינקט דער רבי ר׳ מלך גיזעסען אין ביהמ״ד און געפיהרט סעודת ראש חודש און ווי דער רבי ר׳ מלך האט איהם דערזעהן האט ער איהם צו גערופען און געזאגט שלום עליכם ר׳ דוד׳ל וואס מאכט איהר ר׳ דוד׳ל און דאמאלסט איז פונקט געזעסען א קינד דעם רבין ר׳ מלך׳ם א אייניקעל חאט ער איהם גיפרעגט זיידע דאס איז דאך דער אייגענער וואס די האסט איהם געיאגט פאר דריי וואכען אין האסט איהם נישט געוואלט געבען קיין שלום. האט איהם דער רבי ר׳ מלך גיענטפערט ניין ניין מיין קינד דאס איז שוין נישט דער אייגענער פין דער מעשה קענען מיר זעהן ווי וויים מען דארף זיך היטען פין גאות דאס ר׳ דוד׳ל האט זיך

דאך

דאָך גאָהר נישט גערוהמט נאָהר ווייל ער האָט געוויסט אַז עס איז נישט
דאָה קיין גרעסערער פין איהם אין שטאָדט האָט דאָס שוין געהייסען גיאות
אין דער רבי ר' מלך האָט איהם שוין נישט געקענט קיין שלום געבען
ביז ער איז צוריק אַהיים געגאַנגען און איז און וועג אַביסעל אָבגעפאַלען
פין דער פריהערדיגער מיינונג האָט איהם דער רבי ר' מלך מקרב
געוועזען השי״ת זאָל אינז אָבהיטען פין כל מיני שלעכטע מחשבות אין מיר
זאָלען זוכה זיין איהם צו דינען בלבב שלם אין דער זכות פין די הייליגע
צדיקים זאָל אינז ביי שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אַלעם גוטע
אמן :

אײנער פון די מקורבים ביים הייליגען מאגעלניצער זכרונו לברכה
האָט געהאַט אגוטען פריינד וואָס ער האָט ל״ע קיין קינדער
נישט געהאַט און פלעגט זיך פאר איהם שטארק מתנצל זיין דרויף. און
מאגעלניצע פלעגט צו זיין אַ מנהג אַז פורים פלעגט דער רבי אריין קימען
צום עולם חסידים אין בית מדרש אריין און ער האָט געמאַכט פון אַגארטעל
אַ אויס געפלאָכטען מיצעל און ער האָט זיך אַ נידער געשטעלט און מיטען
בית המדרש און דער גאַנצער עולם אַרום איהם און מען האָט אָהנגעהויבען
צו טאַנצען און אין מיטען טאַנצען האָט דער רבי געוואָרפען דאָס מיצעל
צווישען עולם און ווער עס האָט עס געחאַפּט איז געהאָלפען געוואָהרען מיט
אַלעם וואָס ער האָט געדאַרפען. אַלזא האָט דער מקורב אַ עצה געגעבען זיין
פריינד אַז ער זאָל מיט איהם מיט פאָהרען אויף פורים קיין מאַגעלניציע
און אפשר וועט איהם גראָטען אַז דאָס מיצעל וועט איהם טרעפען וועט
ער מיט השי״ת הילף פאַר געוויס האָבען אַ ישועה מיט קינדער האָט איהם
דער פריינד געפאָלגט און איז מיט איהם מיט געפאָהרען אויף פורים
קיין מאגעלניצע תענית אסתר און דער פריא האָט דער הייליגער
מאגעלניצער געזאָגט צו ר' אלעזר'ל קאָזעניצער זכרונו לברכה היינט וועסטו
שוין זעהן אַ נייע קינץ היינט וועט מען שוין נישט שפילען ביז מען טאָט
פריהער איינשטעלען האָט ר' אלעזר'ל דאָס צו וויסען געטוהן די חסידים.
האָבען אַלע חסידים איינגעשטעלט צו דרייערס ווייל אַזוי האָבען זיי געמאַכט
אַטאקסע נאָהר דער פרעמדער חסיד ווייל ביי איהם איז די גאַנצע זאַך
געוועזען ווי אַגעלעכטער האָט ער נישט איינגעשטעלט און אַז דער עולם
איז זיך צונויף געקומען טאַנצען און דער הייליגער מאגעלניצער האָט
אָהנגעהויבען צו פלעכטען דאָס מיצעל און האָט אָהנגעהויבען צו שרייען
יודען בעט'ס אַז די פידקע זאָל גראָטען און האָט געגעבען אַ וואַרף דאָס
מיצעל

מיצעל און עס איז פונקט געפאלען דעם פרעמדען חסיד און ווי דער מאגעלניצער האט געזעהן אז עס האט געטראפען א פרעמדען מענש האט ער געזאגט ער האט דאך נישט איינגעשטעלט און ווי דער גוטער פריינד זיינער האט דאס געהערט האט ער געגעבען צו איהם א ווינק ער זאל שוין ארייז ווארפען א דרייער האט ער ארייז געווארפען און האט געזאגט צום רבי׳ן איך האב יאה איינגעשטעלט האט איהם דער רבי געפרעגט ווער האט געזעהן אין פונקט ווען ער האט אריין געווארפען האט דער קאזעניצער רבי ר׳ אלעזר׳ל געזעהן האט ער געזאגט צום רבי׳ן דאס ר׳ אלעזר׳ל האט געזעהן האט דער רבי געפרעגט ר׳ אלעזר׳ן צו ער האט טאקע באמת געזעהן אז ער האט איינגעשטעלט האט ער געזאגט יאה האט דער רבי געזאגט צו דעם מענטש די האסט געווינען חאטש עס קומט דיר נישט צו געבען נאר אלעזור זאגט אז ער האט געזעהן טא נא דיר אין אזוי איז טאקע געוועזען דאס דער מענטש איז באלד געהאלפען געווארען מיט א בן זכר פון דער מעשה קענען מיר זיך ארויס לערנען ווי גרויס דער כח פון די צדיקים איז אז אפילו אמנהג וואס עס דאכט זיך אז עס איז א נארישקייט קען עס דערמיט פיעל ישיעות זיין. השי״ת זאל אינז העלפען מיר זאלען האבען אמונת צדיקים און מיר זאלען און זייער זכות געהאלפען ווערען מיט בני חיי ומזוני אמן:

דער הייליגער מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה האט דערציילט איינמאהל זיינע חסידים ווי אזוי ער איז געבוירען געווארען. האט ער אהנגעהויבען מיין מיטער האט געהאט צער גידול בנים דאס עס האט זיך ביי איהר נישט געהאלטען קינדער ר״ל. איינמאהל איז זי געפאהרען צום רבי׳ן ר׳ מלך פון ליזענסק זכרונו לברכה און האט פאר איהם שטארק געוויינט און האט נישט געוואלט אבטרעטין ביז דער רבי ר׳ מלך האט איהר צו געזאגט דאס השי״ת וועט איהר העלפען זי וועט האבען א יונגעל צום לעבין און אזוי איז טאקע געוועזען דאס זי איז און א קורצע צייט מעוברת געווארען און האט געהאט א יונגעל און מען האט עס א נאהמען געטוהן משה און דער אמת האט ער געהאט די נשמה פון משה רבינו עליו השלום און א סאך מאהל ווען דער הייליגער מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה פלעגט פון איהם צו שמיסען פלעגט ער איהם רופען מיין ברודער׳ל משה רבינו. איינמאהל ווען עס איז געגאנגען פרשת חקת ווען דאס קינד איז אלט געוועזען נישט קיין גאנצע פיער יאהר איז ער ארויף געשפרינגען אויפן

אויפן טיש און האָט אָהנגעהויבען צו שרייבען וואָס האָט די תורה געשריבען אויף משה רבינו עליו השלום אַז ער האָט געזינדיגט ביי דעם מים מריבה השי״ת אליין האָט דאָך איהם געזאָגט ער זאָל נעמין דעם שטעקין און האָט אויס געוויזען מיט אַ גאַנץ פילפול אַז משה רבינו איז גירעכט געוועזען מיט דעם וואָס ער האָט געשלאָגען דעם שטיין און איז אראָב געגאַנגען פון טיש. און ווי ער איז אראָב געגאַנגען האָט ער בעקומען קאָפּף שמערצין איז ער צו געגאַנגען צו דער מיטער און האָט געזאָגט אַז דער קאָפּף טוהט איהם ווייל האָט איהם די מיטער געלייגט און בעט אריין אין ער איז געשטאָרבען און ווי די מיטער האָט דאָס דערזעהן האָט זי שטאַרק אָהן געהויבען צו וויינען און איז אריין געלאָפען צו איהר פאָטער און האָט איהם געזאָגט דאָס זי וועט איהם נישט אָב טרעטען ביז ער וועט איהר צו זאָגען דאָס עס וועט זיך ביי איהר פין היינט אָהן שוין האַלטען קינדער האָט איהר דער זיידע דער הייליגער מגיד זכרונו לברכה געזאָגט די זאָלסט וויסען מיין טאָכטער דאָס דורך דיינע הייליגע געדאַנקען האָבען דיינע קינדער אַזעלכע גרויסע נשמות וואָס זיי קאָנין נישט לאַנג זיין אויף דער וועלט אין אויף דאָס קינד משה וואָס איז געבוירען געוואָהרען דורך דעם רבי׳ן ר׳ מלך׳ם ברכה האָט נישט געקענט זיין אויף דער וועלט גאָהר ווי לאַנג דער רבי ר׳ מלך האָט געלעבט און אַז דער רבי ר׳ מלך איז נפטר געוואָהרען האָט דאָס קינד אויך געמיזט שטאַרבען אַלזאָ איז מיין עצה אויב די ווילסט האָבען קינדער צום־לעבען זאָלסטו דיר מאַכען אַ מלבוש נאָך דער נייערסטער מאָדע וועלען אַלע זאָגען אַז די ביסט אויס געלאָסען געוואָהרען וועסטו קענען אַראָב צוהען דיינע קינדער קלענערע נשמות ווארען דיינע געדאַנקען וועלען דאָך זיין פערנומען מיט דער מאָדע ווּעסטו נישט האָבען אַזעלכע גרויסע געדאַנקען ווּעסטו האָבען קינדער צום לעבען. האָט מיין מוטער אַזוי געטוהן אין האָט זיך געמאַכט אַ סאַק מיט צוועלף זילבערנע קנעפּ אַזוי ווי דאַמאָלסט איז געוועזען די מאָדע אין מיט דער צייט איז זי מעוברת געוואָרען אין האָט מיך געהאַט די פערשאַטע נשמה בין איך נישט פערשאַרט אַז איך בעהט מיר אויס ביי השי״ת אַזעלכע יודען זאָלען געהאָלפען ווערען דאָס איז באמת אַ חוצפה. פין דער מעשה קען מען זעהן דאָס גרויסע עניוות פין דעם הייליגען מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה דאָס ער האָט פין זיך גאָהר נישט געהאַלטען און האָט אויף זיך געזאָגט די פערשאַטע נשמה זיין זכות זאָל אינז ביי שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען אמן:

דער הייליגער מאגעלניצער זכרונו לברכה האט דערציילט אז איינמאהל איז דער יוד הקדוש געווען אין לובלין און אויף זיין סטאנציע האבען זיך צו זאמען גענומען זיינע חסידים און ער האט געפיהרט א טיש און געזאגט תורה נאר דאס מאהל האט ער געזאגט אזעלכע וואנדערליכע חידושים דאס פון גרויס התפעלות האט ר׳ דוד׳ל לעלובער געזאגט דאס ווען דער רבי זאל הערען די תורה פון יוד הקדוש וואלט ער פערגעוויס שוין מעהר נישט אהנגענומען קיין מסירות אויף דעם יוד הקדוש און פונקט איז דאמאלסט דארט געווען איינער פון יוד הקדוש׳ס רודפים איז ער באלד געגאנגען און האט דאס דערציילט דעם רבי׳ן און האט נאך איבער געדרייט ר׳ דוד׳לם ווערטער און האט דערציילט דעם רבי׳ן אז ר׳ דוד׳ל האט געזאגט דאס ווען דער רבי זאל הערען דעם יוד הקדוש׳ס תורה וואלט ער אליין געווארען זיינס א חסיד און וואלט געפאהרען צום יוד הקדוש האט דער רבי דער פון געהאט חולשת הדעת און האט אהנגענומען זיין גרויז גראהע באלד און האט געזאגט אויף דער עלטער זאל איך נאך דארפען זיין א תלמיד׳ס א חסיד און ווי ר׳ דוד׳ל לעלובער איז דער פון געוואהר געווארען האט ער געזאגט יעצט בין איך שוין פערפאלען און אין א קורצער צייט איז ער נפטר געווארען:

נאך זיין פטירה האט ר׳ דוד׳לם ווייב געשיקט דעם רבי׳ן פון לובלין דעם זילבערין בעכער וואס ר׳ דוד׳ל פלעגט קידוש מאכען פרייטאג צו נאכט׳ס האט מען ארויף געשטעלט דעם בעכער צום רבי׳נ׳ס טיש ער זאל און איהם קידוש מאכען און ווי דער רבי האט גענומען דעם בעכער און דער האנד ארייין קידוש צו מאכען האט ער אהנגעהויבען צו ציטערען און האט דעם בעכער באלד אוועק געשטעלט און האט גענומען א צווייטען בעכער קידוש צו מאכען. און ביים טיש איז געזעסען ר׳ שמעון דייטש וואס ער איז געווען פון יוד הקדוש׳ס רודפים און וויל ר׳ דוד׳ל לעלובער פלעגט שטענדיג צו רעדען גוטס אויפן יוד הקדוש האט ר׳ שמעון דייטש געמיינט אז דער פאר וויל דער רבי נישט קיין קידוש מאכען און ר׳ דוד׳לם בעכער וויל ער פלעגט צו פערענטפערין דעם יוד הקדוש האט ער אהנגעהויבען צו רעדען אויפ׳ן יוד הקדוש האט דער רבי זיך אויף איהם שטארק געבייזערט און האט געזאגט די ווערטער שוין אויס געווען אין בארג און יעצט ווילסטו אויס רייסען דעם צווייטען בארג אויך. און דער מאגעלניצער זכרונו לברכה האט דערויף אויס געפיהרט

דאָס עֶר איז אויף געוועזען דעֶר עֶרשטעֶר מסור פון ר׳ דוד׳לען. פון דאנען זעהן מיר ווי מען בראַכט זיך היטין פון לשון הרע זכותם יגן עלינו אמן:

דער הייליגער מאַגעלניצער זכרונו לברכה האָט דערציילט דאָס איז בעוויסט צווישען אַלע חסידים דאָס דער יוד הקדוש האָט און לובלין קיין מאהל נישט געדאַווענט פאַרען עמוד און אויף האט מען איהם נישט קיינמאהל אויף גערופען צום ספר דען מען האָט געוויסט דאָס ער האָט געהאַט אַזוי פיהל מורא פאַרען רבי׳ן פון לובלין זכרונו לברכה דאָס ווען מען זאָל איהם געוועזען אויפרופען אָדער ווען עֶר זאָל געוועזען דאַווינען פאַרען עמוד וואָלט עֶר געוועזען אויסן געבליבען ח״ו. און די גרעסטע געגנער זיינע זענען געוועזען דער ראַפשיצער רבי און ר׳ שלמה ליב זאַקילקאָווער און ר׳ משה סטעניזיצער זכרונם לברכה און ווי זיי האָבען געזעהן אַז זיי קענען שון גאר נישט מסר׳ן דעם יוד הקדוש האָבען זיי זיך צינויף געזאַמעלט עֶפּיס אָב צו קלערען אַנייע מסירה אויפען יוד הקדוש האָבען זיי אָב געקלעֶרט אז די בעסטע עצה איז דאָס זיי זאָלען פועלען ביים רבי׳ן אַז עֶר זאָל מכבד זיין דעם יוד הקדוש עֶר זאָל דאַווינען שחרית פאַרען עמוד און מען זאָל איהם געבען אַ עלי׳ דען זיי האָבען געוויסט דאָס עֶר קען נישט בשום אופן דאַווינען און אויף זיינע חסידים וועלין איהם בשום אופן נישט לאָזען דאַווינען און דאַן וועלין זיי שוין קענען גיט אָהן מסר׳ין אויפן יוד הקדוש און זיי האָבען טאַקע געפועלט ביים רבי׳ן דאָס עֶר האָט מכבד געוועזען דעם יוד הקדוש מיט תפילת שחרית און אַ עלי׳. יעצט האָבען זיי געוואָרפען גורל וועֶר עס זאָל גיין דעם יוד הקדוש צו וויסען טוהן אַז דער רבי איז איהם מכבד מיט שחרית איז דער גורל געפאַלען אויף ר׳ משה סטעניזיצער אַז עֶר זאָל דעם יוד הקדוש די שלעֶכטע בשורה זאָגען איז ר׳ משה סטעניזיצער געגאַנגען און געזאָגט דעם יוד הקדוש דאָס דער רבי האָט איהם געהייסען עֶר זאָל זיך מכין זיין צו שחרית פאַרען עמוד און ווי דעם יוד הקדוש׳ס חסידים זענען געוואָהר געוואָהרען האָבען זיי געהאַט גרויס עגמ״נ וועיל זיי האָבען זיך נישט געוויסט וואָס פאַר אַ עצה זיך צו געבען צו לאָזען איהם גיין דאַווינען האָבען זיי מורא געהאַט דאָס ער זאָל נישט אויס גיין פער דער מורא פון רבי׳ן און איהם נישט לאָזען גיין האָבען זיי מורא געהאַט דער רבי זאָל נישט מקפיד זיין:

**האָט דער** רבי ר׳ ירחמיאל דעם יוד הקדוש זוהן געהייסען מאַכען אַ מנין ביי זיי אין סטאַנציע דער יוד הקדוש זאָל דאַווינען אין ער איז געגאַנגען אין רבי׳נ׳ס בית מדרש אַריין ער זאָל דאַווינען פאַר׳ן עמוד אויפן פאָטער׳ס אָרט . אין אַזוי ווי דער רבי איז אַריין געקומען אין בית מדרש אריין איז תיכף דער רבי ר׳ ירחמיאל צו געגאַנגען צום עמוד אין ער האָט אָהנגעהויבען צו זאָגען ברכות מיט אַזוי אַ ברען האָט דרויף דער הייליגער מאגעלניצער געזאָגט מסתמא אַז דער רבי ר׳ ירחמיאל האָט געוואָלט דאַווינען אויפ׳ן פאָטערס אָרט מסתמא האָט ער זיך צו געגרייט אַז ער זאָל דאַווינען אַזוי ווי דער פאָטער. האָט זיך דער רבי אומגעקוקט אין בעזאָגט דאָס איז אַ העזה . נאָר פין דעסט וועגען האָט דער רבי ר׳ ירחמיאל צו געקאָנצעט דאָס דאַווינען אין צום ליינען האָבען שוין די חסידים דעם יוד הקדוש געלאָזט גיין דען זיי האָבען מורא געהאַט פאַר דעם רבי׳נ׳ס הקפדה . אין ווי זיי האָבען איהם אויף גערופען האָבען דעם יוד הקדוש׳ם געגנער געהייסען איהם אויף רופען מורה מורנו און אין לובלין איז געוועזען אַ מנהג אַז מען האָט קיינעם נישט אויף גערופען מורה מורנו נאָהר דעם רבי׳ן אין ווי דער רבי האָט געהערט אַז מען רופט איהם אויף מורה מורנו האָט ער געמיינט דאָס דער יוד הקדוש האָט זיך געהייסען אַזוי אויפרופען איז ער צו געגאַנגען צום יוד הקדוש אין האָט איהם געטוהן אַ קוק אין פנים אַריין אין פין דאַמאָלסט אָהן איז אויף געפלאַקערט געוואָרען דאָס גרויסע מחלוקת צווישען דעם רבי׳ן פין לובלין. אין דעם יוד הקדוש׳ם חסידים אין דער יוד הקדוש איז אַהיים געפאָהרען אין איז שוין מעהר נישט געקומען קיין לובלין אין דעם פערדען טאָג חוה״מ סוכות איז ער נפטר געוואָהרען זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן :

**איינמאָהל פּריטאָג** איז שוין געוועזען נאָך צוועלף אין דער הייליגער מאגעלניצער האָט נאָך נישט געהאַט קיין פיש אויף שבת קודש איז אַריין געקומען אַ דייטשעל אין האָט געבּרענגט אַ גרויסען פיש פין צוואָנציג פינט אין האָט איהם אַנידער געלייגט אויפן טיש פאַרען רבי׳ן זכרונו לברכה. דערווייל איז אַריין געקומען ר׳ יוסף קאָבּליניצער אין האָט אויך געבּרענגט אַ פישעל פין צוויי פינט אין האָט עס אַנידער געלייגט לעבען דעם גרויסען פיש . האָט דער הייליגער מאגעלניצער זכרונו לברכה אַרויף געלייגט זיינע הענד אויפ׳ן קליינעם פישעל אין דער מיט זייער געפריידט אַז די אַלע וואָס זענען דאָרט געוועזען [illegible] זיך

זיך פֿערוויַנדערט דער נאָך האָט ער אַליין אַראָב גענומען דעם גרויסען פּיש פֿון דעם טיש אין האָט געזאָגט פֿאַר וואָס האָט די תּורה געיאסר'ט אַ פּיש וואָס האָט נישט קיין שופּען אין פֿליץ פֿעדערען איך זאָג וויַיל עס קען איהם נישט בריהען אינטער די פֿליגעל אַ יודישען פּיש דאַרף אָבער יאָ בריהען אינטער דיא פֿליגעל וויַיל דעם יוד אַליין דאַרף אויך בריהען אינטער די פֿליגעל אין האָט אַזוי אָהן געקוקט דעם גרויסען פּיש אין האָט געזאָגט אָבער די פּושעי ישראל דיך ברוהט נישט אינטער די פֿליגעל אין האָט דעם פּיש געגעבען אַ פּאטש אין האָט געזאָגט וואָס האָסטו נעכטען ביַי נאַכט געטהון אַראָב פּושעי ישראל. און דאָס דיַיטשעל איז אַזוי געשטאַנען און אַלעס אויס געהערט האָט זיך אין איהם דערוועקט אַ היר'הור תשובה אין ער האָט אָהנגעהויבען שטאַרק צו וויינען אין האָט געבעטען דער רבי זאָל איהם אַרויס געבען אַ תשובה אין ער וועט זי מקיים זיין אפילו מיט מסירת נפש האָט איהם דער הייליגער מאגעלניצער אַרויס געגעבען אַ תשובה און ער איז געוואָהרען אַ אמתיר בעל תשובה פֿון דער מעשה זעהן מיר ווי אמת זאָגען די ווערטער פֿון אונזערע חכמים זכרונם לברכה אַז איין מצוה שלעפּט מיט נאָך אַ מצוה און בזכות וואָס ער האָט געבראַנגט אַ מתנה דעם רבין וואָס איז גליַיך אַזוי ווי מקריב צו זיין ביכורים אַזוי ווי די גמרא זאָגט האָט ער זוכה געוועזען תשובה צו טוהן אין מתקן זיין וואָס ער האָט געזינדיגט זכותו יגן עלינו אמן:

**דער מאגעלניצער** רבי זכרונו לברכה האָט דערציילט איינמאָהל איז דער יוד הקדוש געגאַנגען מיט זיינע תלמידים און פֿעלד האָבען זיי געטראָפֿען אַ ערל האָט געפֿיהרט אַ פֿיהר היי האָט זיך די פֿיהר איבער געדרייט האָט ער געשריגען צום יוד הקדוש און צו זיינע תלמידים זיי זאָלען איהם צו העלפֿען אויף שטעלען דעם וואָגען און אויף לייגען דאָס היי זענען זיי צו געגאַנגען אָבער זיי האָבען ניט געקאָנט אויף הייבען דעם וואָגען האָט זיך דער ערל אויף זיי געבייזערט און האָט געזאָגט איהר קענט נאָהר איהר ווילט נישט האָט צו זיי דער יוד הקדוש געזאָגט עטך הערט וואָס ער זאָגט איהר קענט אויף הייבען די היי נאָהר איהר ווילט נישט:

**און אויך** די זעלבע מעשה האָט אַמאָהל געטראָפֿען און ראדאשיץ איינמאָהל איז דער ראדאשיצער רבי געגאַנגען און מאַרק אַריין קויפֿען אַ פֿיהר האָלץ האָט דער ערל געוואָלט פֿיער גילדען און דער רבי האָט נישט מעהר געוואָלט געבען ווי דריי און וויַיל ער האָט נישט געקענט

אדורך

אַדורך קומען מיט דעם ערל איז ער אַוועק גענאַנגען האָט איהם דער ערל נאָך געשריגען אויף פוילִיש פּאַפּראָפּוטשע טאָ קאָפּיעטשע נאָהר ווייל דער רבי האָט דאָך נישט פערשטאַנען קיין פוילִיש האָט ער געפרעגט אַ יוּד וואָס ער איז אַדורך געגאַנגען וואָס דער ערל שרייט אויף איהם ער האָט דאָך איהם גאָהר נישט געטוהן האָט איהם דער יוּד געזאָגט אז דער ערל זאָגט אַז ער זאָל זיך פערבעסערען וועט ער קענען קויפען האָט דער הייליגע ראדאָשיצער געזאָגט אַזוי דער ערל איז שוין אויך אַ מבין אויף מיר אַז איך דאַרף מיך פערבעסערען איז ער תיכף אַהיים געגאַנגען און האָט זיך אָהנגעהויבען מתבודד צו זיין זיין זכות זאָל אונז ביי שטיין אמן:

---

# די רייזע פון הייליגען מאַגעלניצער רבי'ן פון לובלין זכרונו לברכה.

דער מאַגעלניצער רבי זכרונו לברכה האָט דערציילט אַז דאָס ערשטע מאָהל וואָס ער איז געוועזען אין לובלין האָט ער געהערט אז דער הייליגער רבי ר׳ יעקב יצחק פון פרשיסחא וואס מען האט איהם גערופען דער יוּד איז געקומען קיין לובלין. אין ער באַלד געגאַנגען צו דער סטאַנציע ווי דער יוּד הקדוש איז געוועזען ער זאָל איהם מקבל פנים זיין און ווי ער איז אַריין געקומען האָט דער יוּד הקדוש געגעסען פריהשטיק עס איז געוועזען אַ גרויסער עולם ביים טיש · האָט ער געהייסען דעם משמש ער זאָל שטעלען וויין פאַר זיינעט וועגען האָט דער משמש געזאָגט מאיר׳ל שטעלט וויין האָט דער יוּד הקדוש געפרעגט וועלכער מאיר׳ל האָט דער משמש געזאָגט מאַרי׳ל דעם קאָזעניצער מגיד׳ס אייניקעל. האָט ער מיר געגעבען שלום און האָט צו געשאָקעלט מיט'ן קאָפּף אַזוי ווי איינער זאָגט פעטער מען קען אייך ער האָט געוויסט אַז איך שמעק איהם נאָך די טריט איך האָב ב״ה יאָה געוויסט וואָס פאַר אַ פויגעל דאָס איז:

## פין דיזע מעשה קען מען זעהן ווי גרויס דער יוּד הקדוש איז געוועזין אפילו נאָך זיין פטירה.

דער רבי ר׳ יעקב יצחק פין בלענדוב האָט דערציילט אַז דער זאקילקאווער רבי זכרונו לברכה איז שטאַרק שלאַף געוועזען האָבען

האבען איהם די דאקטוירים געזאגט אז זיי האבען נישט קיין שום רפואה פאר זיינעט וועגען באהר ער מיז זיך לאזען מאכען אפעראציע. און וויל די אפעראציע איז געוועזען זייער געפעהרליך האבען זיי איהם געהייסען פאהרען קיין לעמבערג וואס דארט איז געוועזען גרויסע דאקטוירים ער זאל זיך דארט מאכען די אפעראציע. און ווי ער איז געקומען קיין לעמבערג האט ער געהערט אז דארט וואהנט דעם יוד הקדוש'ם זוהן דער רבי ר' אשר און וויל דער זאקילקאווער איז געוועזען פון יוד הקדוש'ם רודפים איז איהם איינגעפאלען ער זאל גיין איבער בעטען דעם רבי'ן ר' אשר פאר זיין פאטער און אז ער איז געקומען צום יוד הקדוש'ם זוהן דער רבי ר' אשר האט ער איהם גיענטפערט מיין כבוד קען איך מוחל זיין אבער מיין פאטער'ס כבוד קען איך נישט מוחל זיין. און אזוי ווי ער האט די ווערטער ארויס גירעדט פון זיין מויל איז מען אריין געקומען צום רבי'ן מיט א געוואלד דאס זיינס א קינד איז שטארק אוועק געפאלען האט דער רבי ר' אשר אוועק געשיקט צוויא קוויטלעך צו זיינע צוויא רבי'ס איינס צו ר' אורי סטרעליסקער זכרונו לברכה און דאס צווייטע קוויטעל צו ר' הערשיל זידוטשעווער זכרונו לברכה און האט צו ביידע געשריבען דעם זעלבען נוסח עס איז צו מיר געקומען איינער פון מיינע טאטינס שונאים און וויל מיך איינשלונגען אומזוסט האבען זיי ביידע גיענטפערט א גלייכע תשובה אל תירא מפחד פתאום דאס מיינט מען די זאלסט נישט קיין מורא האבען פון קיין פלוצלונגען פחד האבען זיי ביידע געשריבען אויף דעם ארט פון דער וא"ו פון ווארט פתאום א יוד דאס איז די טייטש באראנעם כי אנכי אתך וויל השי"ת איז מיט דיר איז דעם קינד תיכף בעסער געווארען און דעם זאקילקאווער רבי'ן האבען די דאקטוירים געהייסען שוין אהיים פאהרען וויל ער איז זייער גיפעהרליך און עס וועט איהם נישט העלפען קיין אפעראציע און אזוי אגרויסען מאן פאסט נישט גפטר צו ווערען און א פרעמדע מדינה פון דער מעשה קענען מיר זעהן ווי געפעהרליך עס איז צו רעדען אויף א צדיק דאס חאטש דער זאקילקאווער איז דאך אויך געוועזען פון די גרויסע רבי'ס און מסתמא האט ער נישט ח"ילה געמיינט צו רעדען קיין לשון הרע אויפ'ן יוד הקדוש נאהר ער האט געהאט א כוונה און זיין רעדען אויפ'ן יוד הקדוש פון דעסטוועגען האט איהם געשאדט השי"ת זאל אונז אב היטען פון כל שלעכטס אמן:

**דער היילינגער רבי ר' אלעזר קאזשניצער זכרונו לברכה האט דערציילט אז דער מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג**

צו קומען קיין קאזשעניץ אויף דער יאהרצייט פון זיין זיידען דער מגיד זכרונו לברכה. איינמאהל ווען ער איז געוועזען אויף דער יאהר צייט אין אהל האט ער געזאגט אז ער פיהלט היינט זייער א גוטען ריח האבען די חסידים איהם געפרעגט וואס פיהלט איהר עפיס היינט מעהר ווי אלע מאהל האט דער מאגעלניצער זכרונו לברכה געענטפערט דאס פאר יאהרען ווען ער איז געקומען אויף דער יאהרצייט איז דער מגיד זכרונו לברכה געוועזען אין א זעלכע היכע עולמות דאס ער האט גאהר נישט געוויסט אז מיר זענען געקומען א הער אויף דער יאהרצייט דעריבער האב איך דאס יאהר געבעטען דאס ער זאל זיין און די עולמות נעהנטער צו אינז געגליבט השי"ת ראס ער האט מיין תפילה אהנגענומען דעריבער האב איך היינט מעהר געשפירט א ריח טוב ווי אלע יאהר. נאך דער יאהרצייט איז דער מאגעלניצער אהיים געפאהרען און איז ל"ע באלד שטארק שלאף געווארען האט דער רבי תיכף געשיקט צוויי מענטשין זיי זאלען דעם מגיד בעטען מחילה וואס ער האט איהם מטריח געוועזען. איז געפארען ר' יצחק קאזשניצער אין דער סאבינע רב ר' יעקב יצחק אין ווי זיי זענען צוריק געקומען קיין מאגעלניצא האט זיי דער רבי געפרעגט וואס זיי האבען דארט געזאגט אויפ'ן אהל האבען זיי געזאגט אז זיי האבען געבעטען מחילה פארען רבי'ן. האט זיי דער מאגעלניצער זכרונו לברכה געזאגט עטך זענט שוטים וואס איהר האט איהם געזאגט אז איהר בעט מחילה האב איך דען פאר איהם מורא ער זאל מיך ניט מעניש זיין ער איז דאך מיין זיידע נאהר איך האב אייך גלאט געשיקט זאגען אז איך פערענטפער מיך אין ער איז באלד געהייל'ט געווארען אין האט זיך אויף געהויבען פון בעט געזונד. פון דער מעשה קענען מיר זעהן ווי גרויס דער כח פון צדיקים איז אין ווי דער מענטש דארף זיך צו היטען ער זאל חלילה נישט ברענגען אויף זיך זייער הקפדה און השי"ת זאל אונז אבהיטען פון כל שלעכטץ אמן.

**דער רבי ר' אלעזר קאזשניצער זכרונו לברכה האט דערציילט אז איינמאהל איז ר' משה סטענזיצער זכרונו לברכה**

געוועזען אין מאגעלניצא און ווי ער האט אזוי געשמיסט מיט'ן מאגעלניצער האט דער מאגעלניצער געפרעגט ר' משה סטענזיצער האט איהר געקענט

דעם רבּין פון לובלין זכרונו לברכה האָט ר׳ משה סטעזיצער געזאָגט דאָס ער האָט איהם געקענט האָט איהם דער מאגעלניצער געפרעגט מיט וואָס האָט איהר געקענט דעם רבּין האָט איהם ר׳ משה גיענטפערט איך האָב איהם גיקענט פאַר איין הייסען ליזענסקער חסיד האָט איהם דער מאגעלניצער ווייטער גיפרעגט מיט וואָס האָט איהר איהם געקענט האָט ר׳ משה געזאָגט דאָס אפילו דער רבּי ר׳ מלך פון ליזענסק זאָל געוועזען דעם רבּין פון לובּלין הייסען פאָהרען צום רבּין ר׳ ברוך קיין מעזיבעז וואָלט ער איהם געוועזען געפאָלגט האָט דער מאגעלניצער געזאָגט צו ר׳ משה ניין נייז איהר האָט דעם רבּין נישט אָהנגעהויבען צו קענען ער איז אַזוי פיהל געוועזען ליזענסקער חסיד אַז אַפילו דער רבּי ר׳ מלך זאָל איהם געוועזען הייסען פאָהרען צו משה רבינו וואָלט ער אויך נישט געוועזען געפאָלגט נאָהר אדמיון איז דאָס געוועזען צום יוד הקדוש דער יוד הקדוש איז געוועזען אויס געפיהלט און אימת רבו מעהר ווי דער רבּי פון לובּלין וויל דער רבּי אַליין האָט געזאָגט אַז דאָס יאָהר וואָס ער האָט געפּרוּבט פאָהרען צום רבּין ר׳ מלך איז איהם געוועזען בעטאמטער ווי דער נאָך וויל ער האָט דערנאָך נישט געהאַט די מדה פון אימת רבו דער יוד הקדוש איז געוועזען נישט הויך צו רעדען אַ חד בדרא איך בין געוועזען ביי דעם אַלטען אין ראַדאָשיץ האָב איך איהם דערציילט וואָס מיר האָבען בקבלה אַז דאָרטען וועט זיין דער יוד הקדוש דער רעדעל פיהרער האָט ער גיגעבען אַ דריי מיט דער נאָז נאָהר וואָס פרעג איך נאָך איהם אַז איך זאָג זאָג איך. איך זאָג שטענדיג אַ משל אויפין יוד הקדוש אַז איינער גייט אַ גראָבע קאָפּאַטע און ער טיט זיך אויף אַ רגע אויס פערקוהלט ער זיך. אַזוי אויך דער יוד הקדוש אַזוי ווי ער האָט אָהנגעהויבען נתגלה צו ווערען און אַז ר׳ משה סטעזיצער איז אַרויס געגאַנגען פון מאגעלניצער האָט דער מאגעלניצער געזאָגט ער מיינט אַז ווי באַלד ער איז אַ אלטער חסיד און אַ יונגער רבּי קען איך איהם נישט וואַשען די יופּיצע האָט דרויף ר׳ אלעזר קאזעניצער אויס געפיהרט דער מאגעלניצער רבּי האָט זיך אָבער גענומען דעם יוד הקדוש׳ם בלוט פון דאַנען קען מען זיך אַרויס לערנען אַ מוסר השכל אַז ווי ווייט מען טאָהר נים טשעפּין קיין צדיקים ביי זייער לעבין, און דער צו נאָך זייער פטירה. מיר זאָלען זוכה זיין צו זעהן זייער לעכטיגקייט אמן׃

# דא ווערד דערציילט ווי וויט די תלמידים פון רבי'ן מלובלין זענען געווען דבוק און איהם:

דער רבי ר׳ מאיר׳ל מאַגעלניצער האָט דער ציילט אַז ר׳ אעז״א מקאָזיניץ האָט דער ציילט פער זיין זיידענס וועגען ווען דער מגיד זכרונו לברכה איז אַ וועק געפאָהרען פון דעם רבי׳ן פון לובלין האָט זיך איהם געדאָכטען אַז ער האָט שוין חסידות אויף גאַנצע צעהן יאָהר אַזוי פיהל מדות טובות האָט ער גירעכענט אַז ער האָט אָהן גענימען פון דעם רבי׳ן מלובלין אָבער אַזוי ווי ער איז אַהיים געקומען האָט ער באַלד פער שטאַנען אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסין טעות און איז תיכף צוריק געפאָהרען קיין לובלין;

אויף האָט דער מאַגעליצער רבי זצ״ל דער ציילט איינמאָהל און ר״ח אלול ווען ער איז גיוועזען און ביהמ״ד איז איהם פלוצלונג איינגעפאַלען אַז ער זאָל פאָהרען קיין לובלין ער האָט ניט לאַנג געקלערט און האָט גענומען דעם טלית ותפילין און ער איז געגאַנגען קיין לובלין האָט איהם געזאָגט דער לובלינער אַז ער זאָל אַהיים פאָהרען און אויף יוהכ״פ זאָל ער קומען און איך האָב ניט פערשטאַנען וואָס דער רבי מיינט און דער ווייל האָב איך דערהערט אז דער יוד הקדוש איז געקומען קיין לובלין בין איך צו איהם געגאַנגען נעמען שלום און אַזוי ווי איך בין געקומען צום יוד הקדוש האָט ער מיר געזאָגט אַז איך זאָל אַוועק גיין כדי די מוסרים זאָלען איהם ניט מסריין פאַר דעם רבי׳ן מלובלין אַז איך פיהר רעביסטווע איך בין צוריק געגאַנגען אין ביהמ״ד פון רבי׳ן און אַזוי ווי איך בין צוריק געקומען האָט מען מיר געזאָגט אַז דער רבי רופט מיך איך בין אריין געגאַנגען צום רבי׳ן האָט ער מיר געזאָגט בזה״ל מאיר׳ל די האָסט ניט פערשטאַנען וואָס איך האָב דיר געזאָגט פאָהר שוין אַ היים האָט דער מאגעלניצער רבי געזאָגט דער רבי פון לובלין האָט געוויסט אַז איך אַנטגיי פאַר דעם יוד הקדוש זכותם יגן עלינו אמן:

נאָך האָט דער מאגעלניצער דערציילט אַז ער האָט געהערט פון זיין זיידען פאַרוואָס דער הייליגער לובלינער האָט ניט געוואָלט אַז דער יוד הקדוש זאָל פיהרען רעביסטווע ביי זיין לעבען חאָטש דער רבי פון לובלין אַליין האָט אויך געפיהרט רעביסטוואָ ביים רבי׳ן ר׳ אלימלך׳ם לעבען, ווייל דער לובלינער האָט געוויסט אַז דער יוד הקדוש וועט נאָך פיהרען

פיהרען אַ קליינע צייט האָט ער געוואָלט אַז ער זאָל הערשט אָהן הייבען צו פיהרען שפּעטער ער זאָל לענגער לעבען זכותם יגן עלינו אמן:

# אַ וואונדערליכע מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגֶען מַאגֶעלְנִיצֶער רֶבִּי'ן ר' חַיִּים מֵאִיר יְחִיאֵל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה;

דער בעוואוסטער מאַגעלניצער חסיד יוסף קאבעלינצער האָט זיך פערשולדיגט ביי דעם פּריץ פון דאָרף פונף הינדערט גולדען און דאַמאָלס איז דאָס געוועזען אַ גרויסע סומע און ער האָט נישט געהאַט בשום אופן צו בעצאָהלען. איז דער פּריץ אויף איהם שטאַרק בייז געוואָהרען און האָט איהם געגעבען אַ טערמין דריי טאָג און אויב במשך פון די דריי טעג אז ער וועט איהם נישט אריין ברענגען דאָס גאַנצע געלד וועט ער איהם איינזעצען און תפיסה און זיין ווייב און קינדער נעמען פער אייביגע קנעכט און זיין גאַנץ פערמעגען צו נעמען וואָהרען יעדען פּריץ האָט געהאַט רעכט און זיין דאָרף צו טוהן מיט די איינוואָהנער וואָס ער האָט געוואָלט. זעלבסט פערשטענדליך דאָס ר' יוסף קאבעלינצער האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת נפש איז ער געפאהרען צו זיין רבי'ן דעם מאַגעלניצער לברכה און האָט איהם דער ציילט די גאַנצע מעשה מיט דעם פּריץ און האָט שטאַרק געוויינט האָט איהם דער הייליגער מאַגעלניצער געפרעגט צו ער האָט עפּיס חשבונות מיטען פּריץ האָט ער געזאָגט דאָס ער ברענגט דעם פּריץ אַלעס וואָס ער ברוכט פון שטאָדט און דעם פּריץ'ס בוכהאַלטער גיט איהם יעדען מאָהל קוויטאנציעס און ביז ער נעמט אָב פאר די קוויטלעך און קאַסע האַלט ער די קוויטלעך און ער האָט יעצט עטליכע קוויטלעך וועלכעס ער האָט פאר זיי נאָך נישט בעקומען אויסגעצאָהלט האָט דער רבי געזאָגט ער זאָל זיי ברענגען צו איהם וועט ער איהם שוין אַ עצה געבען איז ר' יוסף אַהיים געגאַנגען און ער האָט געבראַכט אַלע קוויטלעך וואָס ער האָט געהאַט פון דעם פּריץ און האָט זיי געגעבען דעם רבי'ן און זיי האָבען בסך הכל אָהנגעטראָפען פופציג גולדען האָט דער רבי אין זיי אַריין געקוקט און האָט געזאָגט צו ר' יוסף'ן פאָהר אַהיים און גיי אַריין צום פּריץ און מאַך מיט איהם אַ ריכטיגען חשבון און איך זאָג אַז עס קומט דיר נאָך אַ רעשט פון דעם פּריץ באָהר למעה"ש זאָג איך דיר

אָהן

שהן אז ווִיפיהל עס וועט דיר א רעשט קומען נאָכין חשבון זאָלסטו נישט אוועק גיין פון פריץ ביז ער וועט דיר געבען די רעשט. און כאַטש די קוויטלעך זענען געוועזען געשריבען אויף פויליש און ר׳ יוסף האָט געוויסט דאָס דער רבי פערשטייט נישט קיין פויליש האָט ער דאָך געהאַט בטחון און השי״ת אַז און זכות פון רבי׳ן וועט ער געהאָלפין ווערען פון זיין נויט און עס וועט זיין אַזוי ווי דער רבי האָט געזאָגט און ער איז אַהיים געפאָהרען אין איז אַריבער געגאַנגען צום פריץ מיט די קוויטלעך האָט זיך דער פריץ אויף איהם געבייזערט און האָט איהם געפרעגט נאָך די האָסט שוין געבּרענגט דאָס גאַנצע געלד האָט ר׳ יוסף געזאָגט צום פריץ יאָה איך האָב געבּרענגט דאָס גאַנצע געלד נאָהר איך האָב עטליכע קוויטלעך וואָס איך האָב געבּרענגט סחורה פאַרען פריץ און הויף אריין בעט איך דעם פריץ ער זאָל הייסען איבער רעכענען די קוויטלעך און וויפיהל עס וועט צו קומען וועל איך תיכף צו צאָהלען האָט דער פריץ צו גערופען זיין בוכהאַלטער און האָט איהם געהייסען אָבּרעכינען מיט ר׳ יוסף׳ן וויפיהל איהם קימט מאר די קוויטלעך איז דער בוכהאַלטער צו גייאַנגען צו ר׳ יוסף׳ן און האָט ביי איהם גענומען די קוויטלעך און האָט איבער גערעכינט איז נאָך ר׳ יוסף׳ן ערעשט געקומען וויל דער חוב איז נאָהר געוועזען פינף הונדערט גולדן און די קוויטלעך האָבען אָהנגעטראָפען פונפצעהן הונדערט און זעקס גילדען האָט דער בוכהאַלטער געזאָגט צום פריץ דאָס עס קומט נאָך דעם יוד אַרעשט טויזענד מיט זעקס גולדען. ווי דער פריץ האָט דאָס דערהערט איז ער שטאַרק בייז געוואָהרען אויפין בוכהאַלטער און האָט איהם געגעבען אַ פּאַטש און חאָט צו גענומען ביי איהם די קוויטלעך. און ער האָט זיי אַליין איבער גערעכענט אָבער ווי פאַר וואונדערט איז דער פריץ געבליבען ווען ער האָט אַליין איבער גערעכענט די קוויטלעך און זיי האָבען טאַקע אַזוי פיהל בעטראָפען וויפיהל דער בוכהאַלטער האָט גערעכענט און עס איז נאָך ר׳ יוסף׳ן אַ רעשט געקומען דען די זאַך איז אַזוי געוועזען דאס ר׳ יוסף האָט געבּרענגט פערשיעדענע סחורות פאַרען פריץ און הויף אַריין און ער האָט פאר יעדען מין סחורה גענומען אַ בעזינדער קוויטעל האט זיך דער שרייבער טועה געוועזען און האָט אויף יעדען קוויטעל אויף געשריבען די גאנצע סחורה ממילא וויפיהל קוויטלעך ער האט געהאט אזוי פיהל מאהל סחורה האט ער גענימען האט דער חוב פיהל אָהנגעטראָפען איז איהם נאָך אַ רעשט געבליבען האָט זיך דער פריץ דערויף זייער פערוואונדערט און האָט גענומען אַלע קוויטלעך און צוריסען

מיט

מיט גרוס כעס און האט געזאגט צו ר' יוסף'ן אנטלויף אהיים געשווינד ווען נישט וועל איך פון דיר מאכען א תל האט זיך ר' יוסף דערמאנט אהן דעם רבינ'ס אהנזאג דאס ער זאל פאדערען פון פריץ וויפיהל עס ווערט איהם ארעשט קומען חאט ער געזאגט דעם פריץ דאס ער זאל איהם געבען די רעשט וויפיהל איהם קומט צו. נאהר שטארק שטעלען מיטן פריץ האט ער נישט געקענט ווייל ער האט געוויסט אז באמת קומט איהם נישט ארעשט און אויך האט ער מורא געהאט פער דעם פריץ איז ער אוועק געגאנגען אהיים און האט נישט צו גענומען קיין רעשט. און ער איז תיכף אריבער געפאהרען צום רבי'ן און האט איהם דערציילט די גאנצע מעשה פון דעם פריץ האט איהם דער רבי געפרעגט צו ער האט גענומען ביים פריץ די רעשט וואס איהם קימט האט ער גיענטפערט אז נישט האט איהם דער רבי געזאגט וואס קען איך דיר העלפען איך וויל דיר געבען און די ווילסט נישט נעמען ווייל ווען די זאלסט געוועזען נעמען ביים פריץ די רעשט וואס דיר איז געקומען וואלסטו געוועזען געקעגט פאר דעם געלד אב קויפען ביים פריץ דאס גאנצע דארף און עס וואלט געוועזען געבליבען דיין און דיינע קינדער'ס אויף אייביג.

# נאך א מעשה וואס האט געטראפען בייא דעם הייליגען מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה;

איינמאהל האט ר' יוסף געמאכט א קאנטראקט ביים פריץ ער זאל צו נעמען די גאנצע מילך פון אלע קוה אויף זיבען יאהר... 

בראשען א טאפף דערווייל איז מילך געפאלען און עס איז נישט ווערט געוועזען קיין העלפט געלד אז עס איז אויס געקומען דאס ער זאל אהן ווערען זיין גאנץ פערמעגען און ער האט אויך מורא געהאט פער דעם פריץ דער פריץ זאל איהם דערנאך נישט איינזעצען אין אויס פיהרען דעם קאנטראקט האט ער בשום אופן נישט געקענט ווייל זיין גאנץ פער מעגען האט נישט אהנגעטראפען קיין העלפט פין דעם וואס איהם איז געשטאנען אהנצוווערען האט ער דער פון געהאט גרויס עגמת נפש אין ער איז געפאהרען קיין מאגעלניצער צום רבי'ן אין האט דעם רבי'ן דערציילט די גאנצע מעשה אין דאס אומגליק וואס איהם שטייט חלילה פאהר האט דער רבי געזאגט אז ער זאל פערבלייבען ביי איהם איבערשבת וועט ער איהם עפיס א עצה געבען

שבת

# שיחות חיים

שבת צונאַכטס האָט דער רבי איהם גערופען יאָסילי ביי פאַרדייכער מיר
די לולקע ציבוך האָט ר׳ יוסף גענומען אַשטרוי און האָט אָהנגעצונדען
ביי א לעכט און צו געברענגט דעם רבין צו פאַררייכערן די לולקע
ציבוך ווייא די שטרוי האָט זיך אויס געברענט האָט דער רבי געזאָגט
יוסיל איך האָב נאָך נישט פאַררייכערט האָט ער ווידער גענומען אַשטרוי
און אָהנגצונדען און געברענגט דעם רבין צו פאַררייכען די לולקע האָט
דער רבי אויף איהם געגעבען אַגעשריי שייגעץ פאַרוואָס פאַררייכערסט די
פיר נישט די לילקע האָט ר׳ יוסיל גענומען א גאַנצע האַנד שטרויא און
אָהנגעצונדען און אַריין געלייגט און דער לילקע איז געוואהרען דערפון א
גרויסער פלאם און דער רבי האָט זיך פאַררייכערט די לילקע און האָט
געזאָגט צו ר׳ יוסף׳ן יעצט יוסיל קענסט די שוין א היים פאָהרען און
האָט איהם אָב געזעגענט און ר׳ יוסף איז זיך א היים געפאָהרען פיהל
מיט האָפענונג דאָס השי״ת וועט איהם פאַר געוויסט העלפין זאָ ווי
דער רבי האָט איהם צו געזאָגט און ווי ער איז געקומען אין אַ דאָרף
לעבען זיין דאָרף האָט ער געטראָפען גיין א גוי האָט ער איהם געפרעגט פון
וואַנען ער גייט האָט ער איהם געזאָגט פון דעם דאָרף האָט ער איהם
געפרעגט צו עס איז עפיס פאָהר געקומען נייעס אין דעם דאָרף דאָן פון
די מעשיות וואָס ער האָט געזעהן אין מאַגעלניצע ביים רבי׳ן האָט ער
פערשטאַנען אז עס האָט געדאַרפט פאָהר קומען עפיס נייעס האָט איהם
דער גוי געזאָגט די ווייסט נישט אַז נעכטען ביי נאַכט האָט אויסגעבראָכען
אשרקליכע שריפה אין פריצ׳ס שטאַלען און זיי זענען אַלע פערברענט
געוואָהרען מיט די קוה צו זאַמען האָט ער דערפין שטאַרק עגמת נפש געהאַט
וויי׳ל ער האָט אויך געהאַט שטיין און פריצ׳ס שטאַלען זיינע צעהן קוה
נאָהר אַז ער איז אַהיים געקומען האָט איהם דאָס ווייב דערציילט דאָס
זייערע בהמות לעבען ווייל אַזויא ווייא דיא שטאַלען האָבען אָהנגעהויבען
צו ברענען איז געקומען אַ גוי און האָט אָהנגעקלאַפט ביי איהר טיהר און
האָט זי אַרויס גערופען און האָט איהר איבער געגעבען אַלע איהרע בהמות
און זי האָט איהם געוואָלט געבען פאר זיין טרחה אַ טרינק בראָנפען האָט
ער נישט געוואָלט און ער איז פון איהר תיכף נעלם געוואָהרען און אַז
ר׳ יוסף איז נאָך אַ מאָהל געוועזען ביים רבי׳ן אין מאַגעלניצע האָט איהם
דער רבי געזאָגט דאָס דער גוי איז געוועזען אליהו הנביא וואָס ער האָט
זיך אַזוי פערשטעלט מען זאָל איהם נישט דערקענען פון דער מעשה זעהן
מיר דעם גרויסען כח פון די צדיקים אַז זיי זענען גוזר איז הקב״ה מקיים
אין

אין דעם וואס זיי זענען מענטש פוילט גאהר נישט קיין שום רפואת דפרצו אזוי וויא אונזערע הייליגע חכמים האבען געזאגט חויא דרבנן לית ליה אסוותא דאס איז טייטש אז איינער האט זיך פערזינדיגט מיט דעם וואס ער האט נישט געפאלגט די רבנן און זיי האבען איהם מענטש געוועזען אז א שלאנג זאל איהם בייסען קען איהם קיין שום רפואה נישט העלפען אין דער וואס איז זיך מתחבר צו זיי ווערט ער אין זייער זכות ניצול פון אלעס שלעכטס השי"ת זאל אונז העלפען מיר זאלען האבען אמונת צדיקים און זייער זכות זאל אונז ביי שטיין מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט אלעם גוטען אמן.

# דער הייליגער מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה האט דערציילט זיין מחותן דעם רוזינער זכרונו לברכה אז ער קען דעם רבי'ן ר' בער זכרונו לברכה:

דער הייליגער מאגעלניצער זכרונו לברכה האט זיך משדך געוועזען מיטן רוזינער זכרונו לברכה דאס דער מאגעלניצער'ס זוהן האט געהאט דעם רוזינער'ס א טאכטער פאר דער חופה האט דער רוזינער זכרונו לברכה געזאגט צו זיין מחותן דער מאגעלניצער איך וועל אייך אויס רעכענען מיין יחוס וויל אזוי האב איך א מנהג דאס פאר דער חופה רעכען איך אויס אונזער יחוס האט ער אנגעהויבען אויס צו רעכענען זיין יחוס ביז דער הייליגען רבי ר' בער זכרונו לברכה דער מגיד פון מעזריטש האט דער מאגעלניצער צו איהם געזאגט איך קען אייער זיידען דעם רבי ר' בער איך האב איהם אליין געזעהן האט זיך דער רוזינער שטארק פערוואונדערט און האט איהם געפרעגט ווי אזוי איז דאס מעגליך לויט אייערע יאהרען איז דאך שוין דער רבי ר' בער געהאט נסתלק געווארען איידער איהר זענט געבוירען געווארען האט איהם דער מאגעלניצער געענטפערט איך וועל אייך דער ציילען ווי אזוי איך האב געזעהן אייער זיידען דעם הייליגען רבי ר' בער איינמאהל בין איך געזעסען ביים זיידען דעם הייליגען קאזעניצער מגיד זכרונו לברכה פסח ביי נאכט ביים סדר און מיטען סדר האב איך געזעהן איין גרויסען מענטש אריין קומען און שטיין אריין און זיין געשטאלט איז געוועזען ווי א מלאך זייער פארכטיג און ער

ער האט געשמיסט מיט דעם מגיד זכרונו לברכה א צייט נאהר וויל ער איז געוועזען זייער פארכטיג אהנציקיקען האב איך מורא געהאט צו פרעגען דעם זיידען ווער ער איז אין אז ער איז אוועק געגאנגען האב איך געפרעגט דעם זיידען זיידעשי צו איז דאס דער מענטש געוועזען אליהו הנביא זכור לטוב האט ער מיר גיענטפערט אז דאס איז נישט אליהו הנביא נאהר דער הייליגער רבי ר' בער דער מגיד פון מעזריטש זכרונו לברכה און דאס איז א גרעסערע מדרגה אז צדיקים בעווייזען זיך ווי אליהו הנביא אזוי האב איך געזעהן אייער זיידען דעם הייליגען רבי ר' בער זכרונו לברכה דער זכות פון אלע צדיקים זאל אינז ביי שטיין מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט בני חיי ומזוני און זוכה זיין צו דער גאולה שלימה צו זעהן אלע צדיקים ווען זיי וועלען צוריק אויפשטיין תחית המתים און אליהו הנביא מיט משיח בן דוד במהרה בימינו אמן :

## און דיזע מעשה ווערד דערציילט וויא דער רוזינער רבי האט א מאהל געזאגט צום מאגעלניצער רבי'ן אז דאס גאנצע געלד פון דער וועלט איז זיין:

דער הייליגער מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה ווען ער פלעגט פאהרען צו זיין מחותן דער ריזינער פלעגט ער ציגוף גענומען קוויטלעך מיט פדיונות פון א סאך חסידים און זיי צו ברענגען קיין רזין. איינמאהל האט ער צינויף גענומען דרייא הונדערט רובעל וואס דאמאלסט האט דאס געהייסען א גרויסע סומע געלד און ווי ער איז געקומען קיין ריזין און האט עס א נידער געלייגט פאר'ן הייליגען ריזינער אויפ'ן טיש האט דער ריזינער זכרונו לברכה געזאגט אזוי ווייניג געלד האט איהר איהר מיר געברענגט די גאנצע וועלט געלד איז דאך מיין. איך וועל אייך דערציילען א משל וואס איהר פערשטיין אז איך בין גערעכט עס איז א מאהל געוועזען א בעטלער א גרויסער מוצלח דען אזוי ווי עס איז דא מענטשען וואס זיי האבען הצלחה אין מסחר אדער אין מלאכה אזוי איז פאר האנען א זעלכע בעטלער וואס זיי האבען גרויס הצלחה און ענין בעטלעריייא פון ווי אנדערע בעטלערס און ער האט אהנגעזאמעלט א סך געלד און ער האט אהנגעזאגט דער הייזין דאס ווען זי וועט אבנעמען א קינד ביי זיין ווייב

ווייב זאָל זי יעדען קינד מאַכען אַ פעלער כדי עס זאָל זיין פער זיכערט מיט דער גליקלוכער פרנסה פלעגט די הייווין אַזוי צו טוהן נאָהר דאָס לעצטע קינד זיינס איז געוועזען זייער שיין האָט די הייווין אויף דעם קינד רחמנות געהאַט און האָט דאָס ניסט געמאַכט קיין פעלער אין דאָס קינד איז אויף געוואַקסען אָהן אַ שום פעלער און אויך זייער שיין אין געראָטען ווי דער בעטלער איז געקומען אויף דער עלטער און ער איז קראַנק געוואָהרען דאָס ער האָט גערעכנט אַז ער האַלט ביי שטאַרבען האָט ער צונויף גערופען אַלע זיינע קינדער און האָט זיי געזאָגט יעדען איינעם איך האָב אייך פערזאָרגט מיט אַגוטע פרנסה וואָהרען איהר האָט גרויסע פעהלערס וועט איהר האָבען פרנסה בריוות פון בעטלעריי אין איך ווייס נאָהר אויף אייער יונגסטער ברודער וואָס ער האָט נעביך ניסט קיין שום פעהלער פון וואָס וועט ער נעביך האָבען פרנסה דעריבער מיז איך איהם איבער לאָזען מיין גאַנץ פערמעגען אין דאָס איז בעוואסט אַז עס איז ניסט דאָ אין דער גאַנצער וועלט קיין איין מענטש ער זאָל קיין שום פעהלער ניסט האָבען נאָהר איך בין דער איינציגער מענטש אויף דער וועלט וואָס איך האָב קיין שום פעהלער ניסט קימט דאָך מיר דאָס גאַנצע געלט פון דער וועלט פאר וואָס האָט איהר מיר געבערענגט אַזוי ווייניג געלד . אין אז דער הייליגער מאגעלניצער זכרונו לברכה איז אַהיים געקומען אין ער האָט דערציילט די מעשה האָט ער געזאָגט אמת איך האָב ניסט געזעהן אין איהם קיין שום פעהלער אין יודישקייט .

# אַ ווינדערליכע מעשה וואָס דער הייליגער רבי ר׳ יחיאל חיים מאיר פון מאגעלניצער זצ״ל האָט דערציילט ;

איינמאָהל איז אַריין געקומען צום הייליגען מאגעלניצער זכרונו לברכה אַ מענטש און האָט איהם אָב געגעבען אַ קוויטעל און וועלכען ער האָט זיך מתנצל געוועזען אַז עס האַלט זיך ביי איהם ניסט קיין קינדער ר״ל האָט זיך דער הייליגער מאגעלניצער זכרונו לברכה אַ ביסעל פערטראַכט דערנאָך האָט ער זיך אָהנגערופען צו דעם מענטש איך וועל דיר דערציילען מיין קינד אַ ווינדערליכע מעשה אין דער צייט פון הייליגער ר״י זכרונו לברכה איז געוועזען אַ גרויסע גביר וואָס ער האט

האט זיך נישט יודיש געפיהרט און ער האט געהאט א איין איינציגע
טאכטער זעהר א שיינע און א געלערענטע און ווען זי איז אונטער געוואקסען
דאס ער האט שוין מיט איהר געדארפען א שידוך טוהן האט ער געזוכט א חתן
פאר זיין טאכטער ער זאל זיין א פריירענקער גלייך מיט איהם און מסתמא האט
ער געפינען א דייטשעל א בוכהאלטער וואס ער האט זיך אויסגעוויזען נאך
מיט א פראצענט פרייער פון איהם אבער און אמת ארייין האט ער געהאט
א ביטערען טעות ווייל זיין איידעם דאס דייטשעל איז געוועזען א גרויסער
צדיק א בעהאלטענער. נאך דער חתונה האט דער יונגער מאן דאס דייטשעל
געבעטען ביי זיין שווער דעם גביר ער זאל איהם קויפען א פערד און
א הינד און אביקס ער זאל קענען גיין אלע טאג אויף פאליעוואנע זעלבסט
פערשטענדליך האט דער גביר איהם נישט געזאלעוועט אזעלכע פער געניגען
און דער גביר האט געהאט צוויי וועלדער און אין יעדען וואלד האט ער
געהאט א יודישען אויפזעהער איינמאהל איז דער אויפזעהר געקומען
און וואלד ארייין און ער האט דער זעהן דעם גביר'ס איידים'ס פערד איז
אהנגעבינדען ביי אבוים טיעף און וואלד האט ער זיך שטארק פערווינדערט
האט ער זיך געלאזט גיין און טיעפען וואלט ארייין זעהן ווי דעם גביר'ס
איידעם איז און וואס ער טוהט אבער ווי פערווינדערט איז ער געוואהרען
אז ער האט דערזעהן ווי דער יונגער מאן דעם גביר'ס איידעם זיצט אין
א יעזיערע וואס דארט איז פיהל מיט פיאווקעס אין אנדערע ווערים האט
ער פערשטאנען אז דאס איז עפיס נישט קיין פראסטע זאך האט ער זיך
בעהאלטען אינטער אגראבען בוים עס זאל איהם קיינער נישט זעהן האט
ער געזעהן ווי דאס דייטשעל דעם גביר'ס איידעם איז ארויס געגאנגען פון
וואסער צוא ביסען פון דיא פערשידענע בעשעפעניזשען וואס זענען
געווצזען אין דער יעזיערע און זיין גאנצער קערפער איז געוועזען בעדעקט
מיט בלוט האט ער צו גערופען דעם הונט אין דער הונט האט איהם אב
געלעקט דאס בלוט האט דער אויפזעהר שוין פערשטאנען דאס דער יונגער
מאן איז פון די בעהאלטענע צדיקים און ווייל ער האט נישט געהאט קיין
קינדער ר"ל האט ער ביי זיך געטראכט יעצט איז די צייט דאס איך זאל ביי
איהם פועל'ן אז השי"ת זאל מיר העלפען מיט גוטע קינדער איז ער צוגעגאנגען
צו דעם יונגען מאן און געזאגט איך זעה דאך אז איהר זענט א גרויסער צדיק
נאהר איהר ווילט אייך אויס בעהאלטען פאר מענטשען זיי זאלען פון
אייך נישט וויסען אלזא בעט איך אייך אז איהר זאלט מתפלל זיין צו
השי"ת ער זאל מיר געבען קינדער און אויב איהר וועט נישט אויס זאגען
פאר

פאַר די וועלט אַז איהר וועט מיר צו זאָגען אַז איך וועל געהאָלפען ווערען
מיט אַ בן זכר און דאָס דייטשיל האָט איהם צו גזאָגט אַז ער וועט
גיהאָלפען ווערען מיט אַ בן זכר און אַזוי איז געוועזען. און אַצייט אַרום
האָט איהם געטראָפען דער אַנדערער קאָסירער און האָט איהם מקנא גיוועזען
און האָט צו איהם גזאָגט ווי השי"ת האָט דיר געהאָלפען און האָט דיר
גיגעבען קינדער ע"כ גיב מיר אויך אַ עצה אַז איך זאָל געהאָלפען ווערען
מיט קינדער צום לעבען ווייל אַזוי ווי עס ווערט מיר גיבאָהרען אַ קינד
און איידער עס ווערט אַלט אַכט טאָג שטאַרבט עס ר"ל. האָט דער
ערשטער קאָסירער איהם גיענטפערט איך האָב אַ עצה פאַר דיינעט וועגען
און מיט השי"ת הילף וועסטו דיא געהאָלפען ווערען מיט קינדער צום לעבען
נאָר אויף דעם תנאי אַז די זאָלסט מיך גאָר נים איבער פרעגען נאָהר
זאָלסט טוהן וואָס איך וועל דיך הייסען דהיינו מען זאָל זיך איבער בייטען
אינזערי ערטער די זאָלסט גיין און מין וואַלד אַריין אויף מיין שטעלע און
איך וועל גיין אין דיין וואַלד אַריין אויף דיין שטעללע און אַזוי איז גיוועזען
און זיי האָבען זיך גיטוישט מיט די ערטער דער ערשטער קאָסירער איז
גיגאַנגען אין דעם צווייטען וואַלד אַ ריין און דער צווייטער אין דעם ערשטין
וואַלד אַריין און אייניגע טעג האָט דער קאָסירער בעמעריגט דאָס פירעכץ
פון דעם דייטשיל און זיינע מעשים האָט ער פאַר שטאַנין די כוונה פון
זיין גיטען פריינד וואָס ער האָט אַ עצה גיגעבין אַז ער זאָל דינען אין דעם
וואַלד איז ער צי גיגאַנגין צום דייטשיל און ער האָט איהם גיבעטין אַז ער זאָל
מתפלל זיין פאַר זיינעט וועגין אַז ער זאָל גיהאָלפין ווערין מיט קינדער
צום לעבין האָט דאָס דייטשיל צו איהם גזאָגט די האָסט שווער גיפרעגט
האָט דער קאָסירער צו איהם גזאָגט ווי באַלד אַז די וועסט נישט בעטין
פאַר מיינעט וועגין אַז איך זאָל האָבין קינדער צום לעבין דאַמאָלס וועל איך
דער ציילען דייני מעשים פאַר דער גאַנצער וועלט. איז דאָס דייטשיל פאַר
ווינדערט גיוואָהרען אויף אַ צייט און האָט צו איהם גזאָגט גידענק נאָהר
און די צייט ווען ביזט געוועזען יונג און די ביסט געגאַנגין מיט יונגלעך
זאָ ווי די זיך באָדין אין וואַסער אַריין און לעבען טייך איז גישטאַנען איין
בוים און אויף דעם בוים איז געוועזען איין גישטאַלט פון איין האַנד האָט
און דיר אָהן גענימען איין חשק צי שפעטין און צו מאַכען גילעכטערין און
האָסט גענימען איין פינגעריל און האָסט עס אָהן געטוהן אויף דעם גישטאַלט
פון די האַנד פון בוים און די האָסט גזאָגט צו איהם די זאָלסט זיין מקודש
צו מיר און די האַנד פון בוים איז צו דיר מקודש געוואָרין און דאָרט איז

געזעסען איין שלעכטער רוח און דער רוח ר״ל הרג׳ת דייני אללע קינדער
האט דער קאסירער איהם גיענטפערט איך גידענק די זאך האט דאס דייטשיל
גיזאגט צו איהם איך וועל דיר געבין איין גט פטורין פון מיין נאמען און די וועסט
דארט אהין גיין צום בוים אויף דעם ארט אין די וועסט דארט אנידער
לייגין דעם גט און די זאלסט זאגען פאר מיינט וועגען מיט דיזען לשון
אז דער ווינדערליכער שמעון האט גיזאגט אז די זאלסט צו נעמין ביי מיר
דעם גט . איז דער קאסירער אהין געגאנגען און ער האט אזוי געטוהן און
ער האט גיהאט א גאנצי ישועה . און דער מאגעלניצער האט געזאגט צו
דעם מענש וואס האט איהם גיגעבין דאס קוויטיל גידענק אז די האסט
אויך אזוי געטוהן ווען די ביסט אלט גיוועזין דרייצעהן יאהר האסט די
גענומען געלד און האסט מקדש גיוועזין א בתולה וואס די האסט זי נישט
גיקאנט און דאס איז אויך גיוועזין איין רוח רעה ר״ל ע״כ זאלסטו גיין
מיט די קמיע אויף דעם ארט און די זאלסט זי דארט אנידער לייגין וועסט
די האבין איין ישועה און דער מענש האט אזוי געטוהן און איז גיהאלפין
גיווארין מיט א ישועה און האט גיהאט קינדער צום לעבין . השי״ת זאל
אונז געבין בני חיי ומזוני מיט אללעס גוטץ אמן:

**איינמאהל אין** געקומען איינער פון די גרויסע מפורסמים צום הייליגען
רביין פון לובלין זכרונו לברכה און האט זיך פאר איהם
מתנצל געוועזען אז אלע סיגופ און אב היטעכצען וואס ער מאכט זיך
העלפען איהם גאר נישט און עס איז נישטא איין טאג ער זאל נישט עובר
זיין כמה וכמה עבירות ר״ל האט דער הייליגער רבי פון לובלין זכרונו
לברכה געזאגט איך זעה פון דיין התנצלות דאס די האסט גאך נישט
אנגעהויבען דינען השי״ת אפילו אביסעל דען איך האב בקבלה דאס דער
וואס שפירט נישט קיין פיער הינדערט חטאים פון ווען ער הייבט זיך אויף
ביז ער גייט דאווינען שחרית איז א סימן אז ער דינט נישט השי״ת בקדושה
וטהרה און דריבער ווענען זיינע אויגען פערשטעלט אז ער בעמערקט נישט
אליין די עבירות וואס ער טוהט פון דער מעשה קענען מיר פשוט פערשטיין
די כוונה פון הייליגען ר׳ בנימין וואס די גמרא ברענגט אין ברכות דאס
ער האט זיך מצער געוועזען דאס זיין דאווינען זאל זיין פער זיין בעט
דאס הייסט אז אזוי ווי ער הייבט זיך אויף זאל ער נישט האבען קיין שום
אנדערע געשעפטען און מניעות באהר ער זאל זיך קענען גלייך שטעלען
דאווינען וויל ער וועט מיט דעם מרויח זיין דאס ער וועט דאווינען
איידער

איידער ער רעכט זיך איין און דעם בארג עבירות. השי״ת זאל אינז העלפען מיר זאלען איהם זוכה זיין צו דינען בלבב שלם און מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט אלעם גוטען אמן.

**דער מאגעלניצער** רבי זכרונו לברכה האט דערציילט איך בין איינמאהל געוועזען א עזות פנים און האב געפרעגט דעם יוד הקדוש פער וואס ער וויל דווקא פיהרען רעביסטווע ביי דעם רבינ׳ס לעבען האט ער מיר גיענטווערט אז ער זעהט דאס ער וועט מעהר נישט לעבען נאהר אכט און פערציג יאהר און אין דער צייט דארף ער פיהרען זיין רעביסטווע האט ער מורא געהאט דאס דער רבי זיינער וועט מיזען א וועק געהן פון דער וועלט איבער איהם. איבער דעם האט ער שטאריק געוואלט אז ער זאל ווערען רבי ביי זיין רבינ׳ס לעבין כדי עס זאל זיין רבי׳ן חלילה נית שאדין טוהן. פון דאנין קען מען זעהן ווי ווייט די רדיפות זענין געוועזין אומזיסט אויף דעם יוד הקדוש.

**איינמאהל פרייטאג** פארע נאכט איז ר׳ דוד׳ל לעליבער זכרונו לברכה געקומען צום יוד הקדוש און האט געטראפען דאס דער יוד הקדוש האט זיך געהאט צו גילעהנט אביסעל נאכ׳ן עסען און ר׳ דוד׳ל לעליבער האט געוויסט אז דער יוד הקדוש האט זיך פיפצעהן וואכען שוין ניט אוס געטוהן די זאקען ווייל ער האט אוף זיך געהאט געגימען אזוי א סיגוף איז געגאנגען ר׳ דוד׳ל און האט איהם אויס געטהון די זאקען ווייל ער האט איהם געוואלט אהנטוהן א נחת רוח. האט דער יוד הקדוש באלד מרגיש געוועזען און האט זיך אויף געחאפט און האט שטארק דער פין הנאה געהאט האט ער גיפרעגט ר׳ דוד׳לן הייליגער ר׳ דוד׳ל וואס ווילט איהר דער פאר האט ער איהם גיענטפערט איידער דוד וועט זיך מיישב זיין וואס צו ועלען וויל איך גלייכער זיין מיט אייך און גן עדן. זייער זכות זאל אינז ביי שטיין אמן

---

## א וואונדערליכע מעשה פון דעם הייליגען צדיק ר׳ ישראל מרוזין:

**איינמאהל און** ר״ח איז דער הייליגער מאגעלניצער גיזעסין און גיגעסין סעודת ר״ח איז אריין געקומען איין מענש וואס האט גיהייסין

געהייסען ר׳ ברוך ער איז געוועזען איין אייניקעל הר׳ מרדכי מקרעמעניץ און ער האט נישט געהאט קיין קינדער ווייל ער איז געוועזען איין עקר ר״ל און האט אב געגעבען איין קוויטיל דעם ריזינער זצ״ל מיט איין בקשה אז השי״ת זאל איהם העלפען אז ער זאל האבען קינדער · האט דער ריזינער זצ״ל צו גענומען דאס קוויטיל פון דעם ר׳ ברוך און האט דערינען אריין געקוקט א צייט. און האט צו איהם געזאגט הער מיין קינד איך וועל דיר דערציילען אווינדערליכע מעשה נאהר אויף דעם תנאי אז די וועסט זי דערציילען איין אנדערין מענש זאלסט די ניט משנה זיין קיין האר ווי איך דערצייל דיר ווייל די מעשה איז ע״פ סוד און ווער עס פעפעלט איין ווארט פון דיזע מעשה איז גלייך ווי ער וואלט פערפעלט א ווארט פון די ספר תורה · עס איז אמאהל געקומען איינער צום ריזינער זצ״ל מיט א בקשה אז דער רבי זאל בעטין אז ער זאל האבין קינדער צום לעבין ווייל ער איז געוועזען איין עקר ר״ל האט איהם דער ריזינער געגעבין א בריף און האט איהם געזאגט אז ער זאל נעמין דעם בריף און זאל פאהרען מיט איהם קיין פעטערבורג און דארט זאל ער גיין מיט דעם בריף צום סטארשע קוונעץ ר״ל דער ראש פון די קאוואליס און זאל איהם אב געבען דעם בריף און דאמאלס וועט ער געהאלפין ווערין מיט השי״ת הילף נאהר אויף דעם תנאי גיב איך דיר מיט דעם בריף אז ביז מען וועט דיך ניט פרעגען וואס די פערלאנגסט זאלסטו דעם בריף ניט אפ געבען, דער ר׳ ברוך האט אזוי געטוהן ער איז געפאהרען קיין פעטערסבורג און ער האט זיך נאך געפרעגט ווי דער שר קוונעץ וואהנט און ער איז דארט געוועזען דריי גאנצע טעג און מען האט איהם ניט געפרעגט וואס ער פערלאנגט. דער ר׳ ברוך האט ניט געוויסט וואס צו טוהן בעווייל דער רבי האט איהם אהן געזאגט אז כל זמן מען וועט איהם ניט פרעגען וואס ער פערלאנגט זאל ער דעם בריף ניט אב געבען. האט ער זיך מיישב געוועזען אז ער זאל טוהן איין שאדען וועט מען אויף איהם בייז ווערען דאמאלס וועט מען שוין איהם מוזען פרעגען וואס ער פערלאנגט דער ר׳ ברוך האט אזוי געטוהן. ער האט גענומען א כלי וואס עס איז דארט געשטאנען און ער האט זי צו בראכין איז דער שר קאזנעץ זייער בייז געווארין און האט איהם געהרעגט אויף רוסיש „זשיד טשטא דיעלאל אי טשטא חאטשעשי״ דעמאלסט האט איהם ר׳ ברוך אפ גיגעבין דעם בריף פון ריזינער. דער שר קוונעץ האט צו גענימען דעם בריף און האט איהם איבער געליינט און האט געזאגט צו דעם ר׳ ברוך בזה הלשון די ביסט געהאלפען געווארען

באהר

באהר זאג פון מיינעם וועגען ישראליקען אז ער זאל מיר מעהר אזעלכע בריוועלעך ניט שיקען . אויך וועל איך דיר דערציילען נאך א מעשה אויף דעם תנאי זאלסט זי ניט פער געסען . עס איז אמאהל געוועזען א קייזער וואס ער איז געוועזען זייער שטארק און מיט גרויס רייכטום. דער קייזער האט געהאט זעהר א שיינעם גארטין אין אזוי ווי דער קייזער האט געמאכט דעם גארטין און ער האט געלאזט דעם גארטין אפען פריי אז עס מעג יעדער אריין אין גארטין זיך אביסיל אפ רוהען אין דער גארטין איז געוועזין פיהל מיט פרישע ליפט איבער דעם איז יעדער מענטש געגאנגען אין גארטען איז דער גארטין קאליע געווארען איבער דעם גרויסען נאראד וואס איז שטענדיג געוועזין אין גארטין. ווי דער קייזער האט דאס געזעהן האט ער ארום געצוימט דעם גארטין מיט א שטארקין פלאט ארום אין ארום . און אויך ביי די טיהר פון גארטין האט ער אנידער געשטעלט שומרים זיי זאלען קיינים ניט אריין לאזין :

**איינמאהל ווען** דער קייזער איז אריין געגאנגין אין דעם גארטין האט ער דארט געטראפין איין יהודי אין גארטין חאטש דער קייזר האט פערשטאנין אז דער יוד וויל איהם חלילה ניט שלעכטעך טוהן . נאר פין דעסטוועגין בעוויל עס איז ניט גיוועזין ערלויבט קיין שום מענטש ער זאל אריין גיין אין גארטין נאר דעם קייזער איבער דעם האט דער קייזער גיפרעגט דעם יוד ווער האט דאס דיר ערלויבט אריין צו גיין אין גארטין אין ווי אזוי ביסטו אריין געקומין אין גארטין בעוויל דער גאנצע גארטין איז דאך ארום גירענגילט מיט א הויכין פלאט . האט דער יוד גיענטפערט איך בין זייער א גרויסער מיינסטער . איך קען אויף שטעלין זייער קינצליכע פאלאצין האט מיך זייער שטארק פערגליסט דיר אויף צו שטעלין א שיינים פאלאץ אין איך האב בעהערט אז אין דיזען גארטין איז פערהאנדין זייער גוט האלץ איבער דעם בין איך געקומען אין דיזען גארטין צו זעהן וועלכעס האלץ עס וועט גוט זיין צו דעם פאלאץ וואס איך וויל דיר אויף שטעלין . אין וואס די פרעגסט מיך ווי אזוי איך בין אריין געקומען אין דעם גארטין גלייב מיר אדוני המלך אז איך זעלבסט ווייס אויך ניט . נאהר דער רצון וואס איך וויל דיר אויף שטעלין דיזה פאליץ דער רצון האט מיך אריין גיבראכט אין דיזען גארטין . כדי איך זאל מאכען א נחת רוח דעם קייזער. און ווען דער קייזער האט דערהערט דיזע רייד פון דעם יוד איז איהם זייער געפעלען און האט געהייסען אלע זיינע בעאמטע אז זיי זאלען איהם מיט העלפען יעדער און זיין פאך · און עס איז אויף געשטעלט געווארען זייער איין שיינעם פאלאץ אזוי ווי עס פאסט

פאר

פאר אזא גרויסער קייזער. און דער יוד האט געענדיגט דאס בנין איז ער
געגאנגען צום קייזער און ער איז איהם אנידער געפאלען צו די פיס און
האט געזאגט אדוני המלך פיהל האב איך געארבייט ביז איך האב געענדיגט
דעם פאליץ פער דיינעם וועגען יעצט בעט איך דיך אז די זאלסט דיך
מטריח זיין און אהן קוקען וואס האב געמאכט פער דיינערט וועגען. דער
קייזער האט געזעהן ווי דער יוד האט אזוי פיהל געארבייט נאר אלץ פער
זיינעט וועגען כדי ער זאל האבען דערפון א נחת רוח האט זיך געלאזט
איבער ריידען און ער איז געגאנגען אהן קיקען דעם פאלאץ, און ווי דער
קייזער האט דער זעהן דאס שיינקייט פון דעם בנין, איז ער נבהל ונשתומם
געווארען פון דעם פאלאץ וואס קיין שום מלוכה האט ניט געהאט קיין
זא בנין. ווי דער יוד האט איהם געמאכט האט דער קייזער איהם זייער
שיין געדאנקט פער זיין ארבייט, און ער איז געווארען ביי דעם קייזער
זייער א גרויסער חשוב און אין דעם פאלאץ איז נאך ניט געוועזען שויבין
בעוויל די פענצטער פון דעם פאלאץ זענען געוועזען זייער גרויס און
דאמאלס איז נאך ניט געוועזען זא גרויסע טובלען גלאהז מען זאל קענען
מאכען אזעלכע גרויסע שויבען.

איינמאהל ווען דער קייזער איז אריין געגאנגען און זיין גאהטען האט
ער דארט געטראפען איין טערק זיך ארום דרייען אין
גארטען. פרעגט איהם דער קייזער ווער האט דיר געגעבען א ערלויבעניש
אריין צו קומען אין גארטען און אויך ווי אזוי ביסטו דא אריין געקומען עס
איז דאך ארום געצוימט מיט איין גרויסען צוים האט דער טערק גיענטפערט
אז אזוי ווי איך בין א גרויסע מייסטער פון גלאהז און איך האב גיהערט
אז דער קייזער ברוכט צו האבען שויבען צו די פענצטער פון זיין פאלאץ
איבער דעם בין איך געקומען אייך צו וויסען צו געבען אז איך קען מיך
אינטער נעמין צו מאכען שויבין צום פאלאץ און וואס דער קייזער פרעגט
מיך ווי אזוי אנך בין אריין געקומען און דעם גאהרטען דאס זאל דער
קייזער קיין ווינדער זיין אויף אזוי א חכם ווי איך בין. דעם קייזער איז
עס זייער געפעלין און האט איהם געהייסען מאכין די שויבין:

און דער קייזער האט זיי גוט בעצאהלט. דעם יוד האט דער מלך געמאכט
פער א גובערנאטער און דעם טערק פער א נאטשאלניק בעוויל
דער עיקר איז דאך געוועזען דער יוד:

אין

און אַזוי ווי עס בּעקאנט אַז ווי עס איז דאַ אַ גוי מיט אַ יוד איז זיך אַלץ מתקנא דער גוי און דעם יוד אַזוי אויף דאָה האָט אַלץ געטראַכט דער טערק ווי אַזוי ער זאָל זיך נוקם זיין און דעם יוד און האָט אַלץ געטראַכט ווי אַזוי ער זאָל קענען אַ מסירה קריגען אויף דעם יוד צום דעם קייזער עס איז אָבער אַללעס געוועזען אומזונסט:

**איינמאָהל** אין דעם טערק איינגעפאַלין א געדאנק אין האָט גיגעבין פיהל געלד דעם שר המשקים פון דעם קייזער אז ווען דער יוד וועט זיין ביי דעם קייזער זאָל דער שר המשקים אַ ריין לייגין סם אין דעם וויין וואָס מען וועט געבין דער קייזער אין עס איז בעשטעלט געוואָהרין אַז אַזוי ווי דער שר המשקים וועט דער לאַנגין דעם וויין אויף דעם טיש זאָל דער שר המשקים זאָגין אַז ער שפּירט אַזוי ווי סם אין דעם וויין מען האָט צוריק אַראָפּ גענימין דעם וויין פון דעם טיש אין מען געפּרובט צו געבין אַ הינד צו טרינקען איז ער באַלד אַנידער געפאַלין טוידט. מען האָט אָהן געהויבּען חוקר ודורש צו זיין ווער עס האָט דאס געטוהן זענין באַלד געקומין עדות אין האָבין געזאָגט אַז זיי האָבין גיזעהן דעם יוד לעבין וויין אין האָט עפּיס אריין געלייגט אין דער שר המשקים האָט אזוי געטוהן. נאָר השי״ת וואָס ער דער בארימט זיך שטענדיג אויף דעם אומשילדיגען מענטש. אין האָט געשיקט די רפואה פאר די מכה. אין דער זעלבע צייט האָט דאמאָלס געשיקט דער זעלבע קייזער זיין פעלד מאַרשאל אויף א מלחמה פון זיין פיינד. אין דער פעלד מארשאל איז איבער געקויפט געוואָהרען פון פיינד פער פיהל געלד. אין דער פעלד מאַרשאל האָט פערשפּיעלט די מלחמה. אין דער קייזער איז דער פון געוואָהר געוואָרען אין דער פעלד מאַרשאל איז גיוואָהרען זייער טרויריג ער האָט געוויסט אַז מען וועט איהם פסק'נען טוידט שטראָף פאר דעם וואָס ער האָט גענימען שוחד. האָט ער זיך מיישב גיוועזען אַז ער וועט שיקען נאָך דעם יוד ער האָט גיקענט דעם יוד פער אַ גרויסען חכם ער זאָל איהם געבען א עצה. דער פעלד מארשאל האָט אזוי געטוהן ער האָט געשיקט נאָך דעם יוד אין האָט איהם אללעס דערציילט. וואָס עס וואַרט אויף איהם אין האָט איהם גיבעטען אַז ער זאָל איהם געבין א עצה האָט איהם דער יוד גיענטפערט אז ער זאָל זאָגען אז ער האט דאס געלד במכוון גענומען כדי דער שונא זאָל מיינען אַז ער וועט שוין ניט פיהרען קיין מלחמה וועט ער קענען ביי דעם שונא געוואָהר ווערען אַלע סודות און ער וועט דער וויל זיך אומקוקען ווי פיהל כח דער שונא האָט און

דענסמאָהל

דענסמאהל וועט ער קענען די מלחמה איין נעמין אבער דאס האט איהם ניט געהאלפען און וואס האט ער דענסמאהל געקאנט טוהן אבער קיין שילד האט ער ניט. און דעם פעלד מארשאל איז זייער גיפעלין די עצה פון דעם יוד און דער פעלד מארשאל איז פריי געווארען. און דעם פעלד מארשאל האט זייער געדאנקט דעם יוד פאר זיין עצה און האט איהם צו געזאגט אז ער וועט אהן איהם געדענקען ער זאל איהם אפ דינען.

יעצט וועלען מיר צוריק גיין צום טערק ער האט אהן געטראגען איין פלאטקי צום קייזער און האט דערויף גישטעלט צוויי עדות אז דער יוד האט געוואלט הירגנ'ען דעם קייזער אבער דער קייזער האט געוויסט אז ער איז ריין און ער האט אויף זיך קיין שום זינד און ער האט איהם ניט געוואלט הרגינען נאהר ער האט אבער געמוזט נאך גיין דורך דעם געזעץ אז צוויי עדות זאגען עדות אויף איהם מוז עס אזוי בלייבען און עס איז ארויס געגאנגען איין פסק אז ער זאל געהרגי'ט ווערען אבער דער קייזער האט אבער ניסט געוואלט אז דער יוד זאל גיהרגי'ט ווערען דורך זיי האנד האט ער איהם געשיקט און איין שטאדט אריין אויף דעם ארט ווא דער שר איז גיוועזען וואס דער יוד האט איהם מציל געוועזען און דער קייזער האט איהם געגעבען איין בריף וואס ער איז גיוועזען פאר חתמית אין האט איהם אהן געזאגט אז תיכף ווי ער וועט קומען אין דער שטאדט אריין זאל ער איבער געבין דעם בריף דעם שר הצבא און עס איז גיוועזין אין דעם בריף געשריבען „זא ווי דער יוד וועט צו דיר קומען זאלסטו זעהן וואס די האסט מיט איהם צו טוהן" ווייל דער קייזער האט געוויסט אז דער יוד וועט ניצל ווערין ווייל א יוד ווערט ניט פערלורין נאהר לאז ער אדורך גיין א נסיון איז דער יוד געגאנגין אין דער שטאדט אריין ווי דער קייזער האט איהם געשיקט און ווי ער איז געקומען צום שר און האט איהם איבער גיגעבין דעם בריף פון מלך אין ווי דער שר האט איבער גילייענט דעם בריף האט ער זיך זייער דערבארימט אויף דעם יוד פון איהם צו טוהן ח"ו שלעכטס. און ער האט געזאגט צום יוד איך וויים אז די ביסט אגרויסער חכם און די ביסט גאר נישט שילדיג און דעם פערברעך און די זאלסט ויסען אז און דעם בריף שטייט אז איך זאל זעהן צו נעמען א נקמה פון דיר און איך מוז דאס טוהן ע"כ גיב מיר א עצה וואס איך זאל טוהן האט איהם דער יוד גיענטפערט איך האב פאר דיר א עצה אז די זאלסט ארויס נעמען פון קעלער איין מענש וואס איהם קומט טויט

שטראף

שטראָף און זאָלסט איהם הרגינען אויף מיין אָרט און עס וועט אַרויס גיין אַ שם אויף דער שטאָדט אַז די האָסט מיך גיהרגית און מיך זאָלסטו איין שליסען אין דיין קעלער אויף מיין נאַנץ לעבין און דאָרט וועל איך דינען דעם קייזער, האָט דער שר ציי גיהערט צו דער עצה פון יוד און ער האָט גע׳הרגית דעם מענש וואָס עס איז איהם געקומען מיתה אויף דעם אָרט פון יוד און דעם יוד האָט ער איין געשלאָסין אין זיין קעלער און דער יוד האָט געדינט צו חשי״ת און קעלער אויך:

און אַ צייט אַרום האָט דער מלך בעפוילען דעם פעלד מאַרשאַל אַז ער זאָל צו זאַמען נעמען דאָס גאַנצע מיליטער און צו גיין אויף אַ מלחמה און זייער אַ וויים לאַנד. און ווי דער שר האָט דאָס דערהערט איז ער געגאַנגען צו דעם יוד און קעלער אַריין און צו איהם געזאָגט יעצט גיב מיר אַ עצה וואָס איך זאָל טוהן מיט דיר איך האָב אַ פריקאַז פון דעם מלך אַז איך זאָל אַוועק גיין אויף איין מלחמה אויף זייער אַ וויים לאַנד וואָס דאָס ברויכט צו געדוירין עטליכע יאָהר און ווער וועט אויף דיר אַכטונג געבען דיזע צייט און ווער וועט דיר געבען צו עסען. און אויב איך וועל דיך איבער געבען אַ צווייטען האב איך מורא אַז טאָמער וועט דער מלך דער פון געוואָהר ווערען וועלען מיר ביידע פערלוירען ווערען פון דער וועלט האָט דער יוד איהם גיענטפערט איך האָב אַ עצה צו דעם. די זאָלסט קויפען פיהל פיש אין פלייש און זאָלסט מירי געבין וועל איך דאָס איין זאלצין עס זאָל קענין שטיין אַ לענגערי צייט ביז די וועסט צוריק קומין פין דער מלחמה אויך האָב איך אַ עצה אַז די מלחמה וועט ניט ברויכין צו געדאָהרין ניט מיין ווי צוויי וואָכין. און מיין עצה איז אַז אין די גאַנצי צייט פון דער מלחמה זאָלסט די ניט אָב לאָזין די גידאַנקין פון מלך און דאָס וועט העלפין אַז די מלחמה זאָל ניט ברויכין לאַנג צו געדאָהרין. דער שר האָט איהם צו גיהערט ער האָט געקויפט פיהל פלייש אין פיש אין האָט עס איבער גיגעבין דעם יוד אין איז אַוועקגעגאנגין אויף דער מלחמה אין אַזוי ווי דער יוד האָט גענומין אַ פיש איהם צו רעכט מאַכין האָט ער געפינין אין דעם פיש איין פינגעריל מיט בריליאַנטין. און האָט זיך דערמאַנט אַז אַמאָהל איז געפאָהרין דער קייזער מיט דער קייזערין אויף דעם ים האָבין זיי פערלוירין אַ פינגעריל אין דער קייזער איז זייער אַ שאָהר גיוועזין דאָס פינגעריל אין דער קייזער האָט דער פון געהאָט גרויס עגמ״נ און האָט געלאָזט רופען אַז ווער עס וועט איהם צוריק ברענגען דאָס פינגעריל וועט ער איהם געבען אַ גרויסע מתנה. דער יוד האָט זיך שטאַרק געפרייד מיט דיזע מציאה און האָט ביי

זיך

זיך בעשלאָסען צו וואַרטען אויף דעם שר און דער ווייל איז דער שר צוריק
געקומען פון דער מלחמה מיט פיהל נצחון. האָט זיך דעם יוד געחלומ׳ט
אז ער האָט גיזעהן דעם קייזער. און פון דאַמאָלס אָהן האָט זיך דעם יוד
זייער פערגליסט אַז ער זאָל זעהן דעם קייזער. נאָהר ער האָט ניט געוויסט
ווי אַזוי זיך אַ עצה צו געבען ער זאל קענען זעהן דעם מלך. האָט ער
זיך מיישב גיוועזען און האָט געזאָגט צו דעם פעלד מאַרשאַל אַז עס איז
איהם זייער פערמיסט צו זיצען און דעם קעלער ע״כ וויל איך אנטלויפען
און אַ צווייטע מדינה דער שר איז אויף דעם בעשטאַנען בעוויל ער האָט
גידענקט וואָס דער יוד האָט איהם גערעטעוועט פון טוידט און דער יוד איז
אַוועק געפאָהרין. און דער יוד איז געפאָהרין אין די שטאָדט ווי דער מלך
וואָהנט. אין די קייזערליכע שטאָדט איז גיוועזין ביי אַ פאָרט פון ים. דער
יוד האָט זיך געקויפט אַ שיף און אַזעלכע מלבושים וואָס מענטשין גייען
ניט. איין היטעל וואָס אויף דעם היטעל איז גיוועזין רעדליך מיט לעכט.
אין מיט די זאַכין איז ער געפאָהרין צום קייזער. דער קייזער האָט געהאַט
אין דעם פאַליץ איין גאַניק אַ הויכין אין דער קייזער איז יעדען טאָג
אַרויף געגאַנגין אויף דעם גאַניק שפּאַצירען אין דער יוד האָט געוויסט די
צייט וואָס דער קייזער איז דאָ אויף דעם גאַניק איז ער אין די זעלבע צייט
געפאָהרין אַ קעגין קעגיג אויף דעם ים אין די לעכט אויף דעם היטעל
האָבין זייער גיברענט. און ווי דער קייזער האָט דער זעהן די לעכט
אויף דעם ים האָט ער געשיקט זיינע מענטשין זיי זאָלין זעהן
וואָס דאָס ליכטיגקייט איז און זיי זאָלען ברענגען די שיף מיט אַלעס וואָס
איז דאָה אויף דער שיף פאר דעם קייזער מען האָט גיברענגט דעם יוד
פאַר דער קייזער. דער קייזער האָט איהם גיפרעגט ווער ביסטו דאָס האָט
דער יוד גיענטפערט איך האָב אַ בריף צום קייזער און פון דעם בריף
וועט דער קייזער זעהן ווער איך בין און האָט געגעבען דעם בריף דעם
קייזער. און דאָס איז געוועזען דער איינהאַלט פון דעם בריף. „פון מיר
קייזער לויטן אַזוי ווי איך האָב אַ מנהג אויף צו עסען יעדען טאָג אַ פיש
און מען האָט מיר איינמאָהל גיברענגט אַ פיש וואָס איך האָב איהם געברויכט
היינט אויף עסען האָט צו מיר געזאָגט דער פיש אויב די וועסט מיר צו
שווערען אַז זאָלסט מיך ניט אויף עסען וועל איך דיר געבען אַ שיינע
מתנה איך האָב איהם צו געשוואָהרען האָט ער מיר אויס געשפּיגען פון
זיך דיזען יוד און דער יוד האָט מיר דער ציילט ווי ער האָט פער
דיינט וועגען געמאַכט אַ שיינים פּאַלאַץ און איך האָב איהם געבעטען אַז
ער

ער זאל מיר אויך מאכען אזא פלאץ און ער האט מיר געמאכט א שיינים פלאץ נאהר קיין בעל מלאכה צו די פענצטער האב איך ניט ע״כ בעט איך דיך אז די זאלסט מיר שיקען דעם זעלבען טערק וואס האט ביי דיר געמאכט די שויבין אז ער זאל מיר אויך די זעלביגע שויבין מאכין. און פאר א סימן שיק איך דיר דאס פינגעריל. האט דאך דער טערק געהאט א מפלה און דער יוד די ישועה האט דער מאגעלניצער רבי זכרונו לברכה געזאגט צו דעם ר׳ ברוך אזוי אויך די וועסט געהאלפען ווערען און עס איז אזוי געוועזען זיין זכות זאל אינץ ביי שטיין:

## און דיזע מעשה ווערד ערציילט דאס לעצטע מאהל וואס דער יוד הקדוש איז געוועזין אין לובלין.

דער מאגעלניצער רבי האט דערציילט איינמאהל בין איך געוועזען און לובלין ביי א סעודת ראש חודש און איך בין געשטאנען ביי דעם טיש לעבען דעם רבי׳ן מלובלין און ביי דעם טיש איז דאמאלסט געזעסין דרייסיג רבנים וגאונים און דער יוד הקדוש איז אויך געוועזען ביי דעם טיש אין און די גאנצע צייט וואס איך בין געשטאנען ביי דעם טיש האב איך גאהר ניט געגעסען נאר איך האב אלץ געקוקט אויף דעם יוד הקדוש און דער רבי מלובלין האט דאס דערשפירט און האט געזאגט מאיר׳ל פאר וואס עסט די גאהר נישט און איך האב איהם געענטפערט אז עס הינגערט מיך נישט און איך האב איהם חלילה ניט געזאגט קיין ליגענט וויל איך בין ניט געוועזען הינגעריג איך בין געוועזין זייער זאט פון אהן צו קיקען דעם יוד הקדוש האט מיך נאך אמאהל געפרעגט דער רבי מלובלין פאר וואס איך וויל ניט עסין האב איך איהם גאר ניט געענטפערט בעוויל איך האב מורא געהאט צו זאגין דעם אמת האט דער רבי מלובלין צו מיר געזאגט מאריי׳ל ווען די וואלסט געקאנט עסין ווייסטו וואס מען מיינט עסין. עסין פאר השי״ת וועגין וואלט דיר אזעלכי זאכין ניט מבטל געוועזין דיך פון עסין איך וואלט געפרעגט דעם יוד נאהר ער האט איבער געהאקט זיינע רייד אין האט געשמייכילט מיט די לעפצען:

אין

אין נאָך דער סעודה האָט דער רבי מליבלין מיך גערופען צי זיך און האָט מיר געזאָגט מיט דעם לשון זאָג מיר נאָך וואָס קימסט די צי מיר גלאַט צו פאַרברענגין די צייט ווען די זאָלסט ניט זיין דעם מגיד'ם אַ אייניקיל און ווען איך זאָל דיך ניט ליעב האָבין וואָלט איך דיך נישט געהייסען קומען צי מיר. און טוה מיר צו ליעב איך וויל אַז מיינע שיינע יודען זאָלען דיך אויך ליעב האָבין און אויב די וועסט קומען צי מיר וועלען זיי אויף דיר מסרין. אָבער איך ווייס אַז דער רבי אַליין האָט אויך ליעב דעם יוד הקדוש זאָ ווי איך אַליין און דעם טעם פאַר וואָס דער רבי האָט צו געצומען רכילות אויף דעם יוד הקדוש האָב איך שוין געזאָגט אַסאַך מאָהל דעריבער בין איך באַלד געגאַנגען אויף דער אכסניה צו דעם יוד הקדוש האָט דער יוד הקדוש צו מיר געזאָגט מאיר לעב אַ גוטען פריקאַז האָט דיר דער רבי געזאָגט זאָג מיר וואָס און איך האָב איהם ניט געוואָלט זאָגין וויל מען מיז בלייבין אַ ערליכער מאַן. דאַמאָלס האָט דער יוד הקדוש מיר געזאָגט די אַלע רייד וואָס דער רבי האָט מיר געזאָגט מלה במלה און האָט צו מיר געזאָגט מאיר'ל איך זאָג דיר אַז עססען וועסט די נאָך צייט האָבין דיך אויס צו לערנין דאָס וועסטו נישט פארשפעטיגען ביזהר דערווייל לטובת הר' יוסעלי יאָגט מען מיך אָבער יוסעלי'ן ועט דאָס נישט העלפין. און דאָס איז געוועזין דער לעצטער ר"ח וואָס דער יוד הקדוש איז געוועזען אין לובלין און איך בין באַלד דערגאַנגען וואָס דער יוד הקדוש האָט גימיינט נאָהר נישט וואָס מען ווייסט זאָגט מען איהר פאַרשטייט נישט וואָס איך זאָג נאָהר מיין וויל איך ניט זאָגין אַז איהר זאָלט פאַרשטיין דער זעליחאָווער רב ר' אשר האָט געהאַט דאַמאָלס ניסים ער ווייסט אפילו נישט ווייל דער יוד הקדוש האָט איהם נישט גיקאָנט זאָגין. אין דער מאָגעלניצער האָט דעם עולם געהייסען אַרויס גיין און האָט זיי געזאָגט אַ גיטען טאָג נאָהר דעם רב ר' אלעזר מקאָזיניץ האָט ער גיהייסען בלייבין ביי זיך און האָט איהם געזאָגט דיר וועל איך אַלעס דערציילין. פון די מעשה קאָן מען זעהן ווי גרויס די נבואה איז געוועזין ביי דעם יוד הקדוש אַז ער האָט געוויסט וואָס דער רבי מלובלין האָט גירעדט מיט דעם מאָגעלניצער זיין זכות זאָל אינק ביי שטיין און מיר זאָלין גיהאָלפין ווערין מיט כל טוב אמן

## און דיזע מעשה ווערד ערצײלט פאר וואס דער רבי מלובלין האט אזוי פיהל גערודיפט דעם יוד הקדוש:

**איינמאהל האט** דער הײליגער מאגעלניצער געזאגט איך וועל אײך דערצײלען פאר וואס מען האט אזוי פיעל געיאגט דעם יוד הקדוש ווײל די תלמידים פון רבי'ן מלובלין האבען געזעהן אז דער גאנצער עולם מלובלין ווערט צו געצויגען צום יוד הקדוש און זײ האבען געזעהן אז עס וועט ניט אויס האלטען דאס רבי'סטווי מלובלין קעגען דעם יוד הקדוש דעריבער האבען זײ געיאגט דעם יוד הקדוש און זײ האבען געוואלט מבטל זיין דעם יוד הקדוש אז ער זאל ניט פיהרען קײן רבנות און דאמאלס וועלען זײ האבען א האפינונג אז דער עולם וועט בלייבען בײ דעם רבי'ן מלובלין. און אויך מײן זיידע דער הײליגער מגיד האט אמאהל געהאט געזאגט צום רבי'ן מלובלין מיט דעם לשון מײן מאיר'לס הארץ זאגט נביאות און זײ האבען גיזעהן אז מײן הארץ ציהט צום יוד הקדוש איז זײ דאס ניט געפאלען און זײערע אויגען.

**איינמאהל אין** דעם טאג פאר ערב תשעה באב האט דער הײליגער מאגעלניצער געהײסין אהן גרײטען גרויסע פיש אין ער האט געזאגט אז מײן זיידע מקאזעניץ זצ"ל חאטש די גאנצע גײן טאג האט ער גיגעסין קאשע מיט מילך אין יעדען ערב תשעה באב איז גיוועזין זיין שטײגער שטענדיג צי יאגין נישט ווײל מען טאהר גיט עסין קײן פלײש דעריבער עסט ער קאשע מיט מילך נאהר ווײל עס איז א גיט מאכל ווײל זײן כוונה איז גיוועזין אז ער זאל ניט ווײזין אין דעם טאג קײן אבילות אין דעריבער ווײל איך אז מען זאל מיר ברענגין פיש אויף דעם טאג כדי מען זאל ווײזין אז מיר האבין אײן האפונונג. זײן זכות זאל אינץ בײא שטײן אמן:

## א וואונדערליכע דערצײלינג וואס די תלמידים פון רבי'ן מלובלין וואס זיי זענין זיך נוהג אום שמיני עצרת ניט צו עסין און סוכה און צו ווישען די תלמידים פון יוד הקדוש.

**איינמאהל אום** שמיני עצרת האט דער מאגעלניצער רבי געזאגט, דעם

חזוק

חילוק וואס עס איז צווישען די תלמידים פון רבי'ן מלובלין וואס זיי עסין ניט אום שמיני עצרת אין סוכה און צווישין די תלמידים פון יוד הקדוש וואס זיי עסין אום שמיני עצרת אין סוכה. דער אונטערשיד איז צווישין זיי. דער יוד הקדוש האט זיך נוהג גיוועזען אז ער האט זיך געמאכט די סוכה און די שטיב וואס ער האט גיגעסין א גאנץ יאהר. און ער האט זיך געפיהרט אזוי ווי מען האט אויף גיעפינט די פליגלין פון די סוכה ערב סוכות זענען זיי געשטאנין אויף גיעפינט ביז נאך שמיני עצרת. און דער רבי מלובלין האט זיך געמאכט פאר זיך א בעזינדערע סוכה און ווען עס איז געקומען שמיני עצרת האט ער גיגעסין אין שטיב דאס הייסט חוץ לסוכה. אין דאס איז גיוועזען דאס מחלוקת צווישען די חסידים טייל האבען געזאגט אז ווען דער יוד הקדוש זאל האבען א סוכה ניט אויף דעם ארט וואס ער עסט א גאנץ יאהר וואלט ער אויך גיגעסען חוץ לסוכה. אין טייל האבען געזאגט ווען דער יוד הקדוש זאל ניט וועלען עסין אין סוכה וואלט ער געהייסען פערמאכען די פליגלען פין דער סוכה פאר שמיני עצרת. האט דער מאגעלניצער געזאגט איך ווייס דעם טעם נאר פין דעסט וועגען הייס איך ניט עסען אום שמיני עצרת אין סוכה נאר קידוש מאכען. אין דעם טעם וועל איך איבער געבען ר' אלעזור מקאזניץ ער זאל די חסידים אויס גלייכען בעוויל ער האט א גוטען קאפף. פין דאנען קען מען זעהן ווי ווייט זיי האבען מקפיד גיוועזען אויף א מנהג זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## דא ווערד דער צוילט ווי דאס וייב פון דעם רבי'ן מלובלין האט צו געהאלפין מסר'ן אויף דעם יוד הקדוש.

עס אין בעוויסט אז דאס דריטע ווייב פון הרבי מלובלין האט ניט זוכה גיוועזין צו האבין קינדער פון רבי'ן מלובלין און פיהל מאהל האט זי גיבעטין דעם רבי'ן אז ער זאל אויף איהר מתפלל זיין אז זי זאל האבין קינדער פון איהם. און ווי זי האט גיזעהן אז דאס העלפט איהר ניט האט זי זיך מיישב גיוועזין אז זי וועט א ריין געהן צום רבי'ן אין זי וועט איהם ניט אפ טרעטין ביז ער וועט איהר צו זאגין:

איינמאהל

איינמאהל האָט זי געזאָגט צום רביין פון לובלין איך זעה אַז עס קומט צו דיר פיהל מענטשין פון דער גאַנצער וועלט און זיי ווערין געהאָלפין און פין מיינעט וועגין ווילסטו ניט מתפלל זיין איך זאָל האָבין קינדער צום לעבין. און איך וועל פון דאַנין ניט אַרויס גיין ביז די וועסט מיר צו זאָגין אַז איך זאָל האָבין קינדער און זי האָט זייער ביטער געוויינט. האָט איהר דער רבי גיענטפערט וואָס זאָל איך טוהן וואָס נאָר מיגלעך עס איז גיוועזין צו טוהן האָב איך געטוהן און איך קען דיר גאָר ניט העלפין. איבער דעם איז מיין עצה אַז די זאָלסט גיין צום יוד הקדוש און איהם בעטין אַז ער זאָל אויף דיר מתפלל זיין און ער וועט דיר קענין העלפין. די רעביצין האָט אַזוי געטוהן און זי האָט זייער געוויינט פער דעם יוד הקדוש אַז ער זאָל אויף איהר מתפלל זיין אַז זי זאָל האָבען קינדער צום לעבען. און אויך האָט זי געזאָגט אַז דער רבי האָט זי אַזוי געהייסען. דער יוד הקדוש האָט אויף איהר זייער רחמנות געקריגען און האָט איהר צו געזאָגט אַז זי וועט געהאָלפען ווערען מיט אַ בן זכר. נאָר אויף דעם תנאי אַז די רעבעצין זאָל אויף זיך נעמען אַז זי זאָל ניט לאָזען ריידין קיין שלעכטץ אויף דעם יוד הקדוש פאר דעם רביין מלובלין און אויך זי זאָל ניט ריידען קיין שלעכץ אויף איהם. די רעבצין האָט אויף זיך מקבל גיוועזין אַז ניט זי און אויך קיין צווייטין זאָל זי ניט לאָזין ריידין קיין שלעכטץ אויף דעם יוד הקדוש. און אַזוי איז גיוועזען די רעביצין איז גיהאָלפען געוואָהרען מיט אַ בן זכר. און אַזוי ווי עס איז אַ מאָהל געקומען וועלכער חסיד צו ריידען שלעכטץ אויף דעם יוד הקדוש האָט שטענדיג די רעביצין ניט גילאָזט ריידין. דאָס קינד איז שוין אַלט גיוועזען דריי יאָהר דאָס קינד האָט זיך גיוויזען אַז עס וועט זיין אַ מאָהל אַ גדול הדור. און אין די רעביצין האָט שוין געהאַט פערגעסין וואָס פאַר אַ טובה דער יוד הקדוש האָט איהר געטוהן:

איינמאהל איז געקומען צו רביין מלובלין פון די גרויסע חסידים און זענין אַריין געגאַנגען צום רביין מיט אַ מסירה אויף דעם יוד הקדוש און ווי די רעביצין האָט דער הערט די רייד פון די חסידים איז זי זייער בייז געוואָהרען אויף דעם יוד הקדוש און זי האָט אויף אָהן געהויבען צו ריידען שלעכטץ אויף דעם יוד הקדוש פער דעם רביין מלובלין און אַזוי ווי זי האָט נאָך גירעדט פער דעם רביין אויף דעם יוד הקדוש איז צו איהר געקומען צו לופין מיט אַ געשריי אַז איהר קינד האָט געקריגען אַ שווערע שלאַפקייט ר"ל. די רעביצין האָט אָהן געהויבען צו וויינין

ווײנען פאר דעם רבי'ן [illegible] זאָל מתפלל זײן אויף דעם קינד. האָט דער רבי צ"ע איהר געזאָגט פאר וואָס האָסטו ניט מקיים געוועזען דעם תנאַי וואָס די האָסט צו געזאָגט דעם יוד הקדוש איבער דעם קען איך דיר גאָהר ניט העלפין נאָהר זאָלסט אַריבער גײן צום יוד הקדוש אין איהם איבער בעטין און דערנסטמאָהל וועט דאָס קינד האָבין אַ רפואה. זי איז אַריבער געלאָפין צו דעם יוד הקדוש אין איז איהם געפאַלען צו די פיס און בײ איהם געבעטין מחילה. האָט איהר דער יוד הקדוש געזאָגט פאר וואָס זי האָט ניט געהאַלטין קײן וואָרט אין זי האָט געלאָזט אויף איהם רײדען שלעכטץ און אויף זי זעלבסט האָט אויף איהם שלעכטץ גירעדט ע"כ בין איך דיר יעצט מוחל און דאָס קינד וועט האָבין באַלד אַ רפואה שלימה נאָר וויסען זאָלט איהר אַז יעצט קען איך אײך נאָך העלפען און אויב איהר וועט נאָך אַ מאָהל משנה זײן אין איהר וועט לאָזען רײדען אויף מיר שלעכטץ וועל איך אײך שוין גאָהר ניט קענען העלפען. איבער דעם זאָלט איהר זײן געוואָהרינט אין אָפּ צו היטען דאָס קינד לעבען בעוויל דאָס צווײטע מאָהל וועל איך אײך זעלבסט ניט קענען העלפען אין עס וועט זײן פערפאַלען. אין די רעבעצען איז אַ היים געגאַנגען האָט זי שוין געטראָפען דאָס קינד אין גאַנצען געזינד מען האָט ניט דערקענט אין דעם קינד אַז עס איז שלאַף געוועזען:

איינמאהל און אַ צײט אַבום דאָס קינד איז שוין אַלט געוועזען 4 יאָהר אין די רעביצין האָט ווײטער געהאַט פערגעסען אין דעם אַללעם זענען געקומען גרויסע לײט צום רבי'ן אין האָבען געבּרענגט אַ גרויסע מסירה אויף דעם יוד הקדוש אין אויף די רעביצען האָט צו געהאָלפען צו רײדען שלעכטץ אויף דעם יוד הקדוש איז ווײטער דאָס קינד שלאַף געוואָהרען אויף די זעלבע שלאַפקײט ר"ל האָט איהר דער רבי געזאָגט אַז זי זאָל ווײטער אַריבער גײן צום יוד הקדוש איהם איבער בעטען זי האָט אַזוי געטוהן אין ווי זי איז אַריבער געקומען צום יוד הקדוש האָט ער איהר געזאָגט אַז יעצט קען ער איהר גאָהר ניט העלפען אין עס איז פערפאַלען די רעביצען האָט שטאַרק געוויינט אין דאָס ווײנען האָט איהר גאָהר ניט געהאָלפען אין דאס קינד איז באַלד געשטאָרבען ר"ל אין דער רבי מלובלין האָט דערנאָך זײער שטאַרק געטראַהט נאָך דעם קינד:

און אין דער זעלבע צײט איז געקומען אַ ידיעה צום יוד הקדוש אַז זײן זוהן ר' אשר'ל איז זײער שלאַף געוואָהרען. דער יוד הקדוש האָט פערשטאַנין

פערשטאנען אז דאס איז דורך דעם רבי'ן מלובלין האט דער יוד הקדוש פערקויפט די מלבושים פון דעם שלאפען און דאס געלד האט ער צו טיילט ארימע לייט און דאס האט אויך געהער ניט געהאלפען האט ער פערקויפט זיינע מלבושים און די מלבושים פון זיין ווייב און אויך זיין הויז וואס ער האט געהאט און דאס געלד האט ער צו טיילט ארימע לייט און עס האט אלעס געהאר ניט געהאלפין. האט זיך דער יוד הקדוש מיישב געוועזין און איז געפאהרען מיט דעם קינד צום מגיד הקדוש קיין קאזעניץ האט דער מגיד געזאגט צום יוד הקדוש עס איז זייער שוועהר צו זיכען א עצת בעגען דער רבי'ן מלובלין נאהר איין עצה האב איך אז די זאלסט איבער לאזען ביי מיר דאס קינד און ער וועט מיט מיר שלאפען און מיין בעט ביז ער וועט אלט ווערען דרייצעהן יאהר און נאך די דרייצעהן יאהר וועל איך איהם דיר צוריק געבען אהן איין שום מכשול. דער יוד הקדוש האט אזוי געטוהן ר' אשר'ל איז געוועזען ביי דעם מגיד ביז דרייצעהן יאהר און נאך דרייצעהן יאהר האט איהם דער מגיד צוריק געשיקט צום יוד הקדוש. פון דאנין קען מען זיך ארויס לערנען ווי ווייט מען טאהר ניט רעדען קיין שלעכטץ אויף צדיקים זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן •

## דא ווערד ערציילט וויא אזוי דער מאגעלניצער האט צו זיך צו געצויגן די חשובי חסידים פון ראדעשיץ •

אמאהל זענין געפאהרען עטליכע חסידים צום רבי'ן קיין ראדישיץ זיי זענין געוועזין די גרעסטע חשובים אין ראדישיץ אין זיי זענין געגאנגען אהן געטוהן מלבושים פון ווייסע לייבינט (וויל דאמאלסט איז געוועזין א מנהג אז די צדיקים זענין געגאנגען אין ווייסע לייבינט) און זיי זענין געפאהרען דורך מאגעלניצע און ווי זיי זענין געקומען קיין מאגעלניצא האבין זיי זיך מיישב געוועזין אז זיי זאלין גיין צום רבי'ן פון מאגעלניצא צו נעמין שלום ביי איהם און ווי זיי האבין גענומען שלום האט צו זיי דער מאגעלניצער געזאגט פאר וואס פאהרט איהר קיין ראדאשיץ ער איז דאך איין אלטער רבי און איך בין א יונגער רבי און איין אלטער רבי אויך און אויב ער וועט אייך מעניש זיין געם איך עס אויף מיר און זיי האבין איהם געהארכט און זיי זענען געבליבין און מאגעלניצא. און דער

נאך

נאך ווי דער מאגעלניצער איז געקומען קיין ראדאשיץ האט צו איהם געזאגט דער ראדישיצער מיט דיזען לשון אזוי איין גראהע באָרד טיט מען אזוי. האט דער מאגעלניצער איהם גיגעבין איין קוויטיל מיט א פדיון און ווי דער מאגעלניצער איז ארויס געגאנגען האט ער געזאגט מיט דעם לשון איין מאהל איז פערפאלען. זייער זכות זאל אינך ביי שטיין און מיר זאלען גיהאָלפין ווערין מיט כל טוב אמן:

# און דיזע מעשה ווערד ערציילט ווי אזוי ר' שמעון דייטש איז געוואהרען א חסיד.

איינמאהל ווען ר' שמעון דייטש איז גיוועזען און זעלחוב איז ער שטארק שלאף געווארין און פרייטיג פארע נאכט איז זיין נשמה פון איהם א וועק גענאגגען און מען האט אוף איהם גירעכינט אז ער איז גישטארבין נאהר ווייל עס איז געוועזען נאָרבט צו שבת האט מען איהם ניט גיקאנט קובר זיין. נאהר מוש"ק זענען געקומען די חברה קדישא און מען האט אהן גיהובין צו צי גרייטין וואס מען ברויכט נאהר פליצלונג האט זיי גידאכט צו איין חברה מאן אז ער שלאפט האבין זיי אכטונג געגעבין האבין זיי געזעהן אז ער סאפיט ביסלעך האבין זיי איהם גענומען און זיי האבין איהם א רויף געלייגט אויף דעם בעט און ווי עס איז אדורך געגאנגען א צייט האט ער אהן געהובען צו ריידין און הרה"צ ר' שמעון דייטש האט צו זיי געזאגט אז זיי זאלען מארגין ביי נאכט קומען צו איהם וועט ער זיי דערציילין נייעס. און די מענשין זענין געקומען די אגדערי נאכט האט זיי הרה"צ ר' שמעון דייטש דערציילט דיזע מעשה. זא ווי איך בין געקומען און הימעל ארויין איז שוין געוועזען דער זמן פון קבלת שבת האט מען מיר געוויזען איין בעזינדער חדר פאר מיינים וועגען. און דער ווייל איז געוואהרין איין גרויסער רעש און הימעל אז דער קאזיניצער מגיד גייט מקבל שבת זיין איך האב אויך גיוואלט גיין הערין דעם מגיד מקבל שבת זיין נאהר די מלאכים האבין מיך בשום אופן ניט גילאזט גיין צו הערען דעם מגיד מקבל שבת זיין. זיי האבין מיר געזאגט ווייל איך האב ניט גיקאנט דעם מגיד ביי דעם לעבין דעריבער האב איך ניט קיין רשות צו הערין פון איהם מקבל שבת זיין:

איין

און ווי עס איז געקומען שבת אין דער פריה ווען דער מגיד איז געגאנגען דאווינען תפלת שחרית איז ווייטער געוואָהרען איין גרויסער רעש און הימעל אז דער מגיד גייט דאווינען תפלת שחרית. און דאמאָלס האָבען מיך די מלאכים געלאָזט גיין הערין דאווינען דעם מגיד תפלת שחרית און איך בין צו געגאנגען צום מגיד און האָב איהם געזאָגט גוט שבת האָט דער מגיד גענימען זיין טלית אויף זיין פנים און האָט מיר גאהר ניט גיענטפערט. דאמאָלס האָב איך אָהן געהובין צו וויינין פאר די מלאכים אז זיי זאָלען מיר געבען א עצה אז איך זאָל קענען זעהן דאָס פנים פון הייליגען מגיד האָבען די מלאכים מיר געזאָגט אז און דער צייט פון שלש סעודות איז איין עת רצון זאָלסטו דאמאָלס גיין צום מגיד אפשר וועסטו דאמאָלס קענען זעהן זיין פנים. און אזוי האָב איך געטוהן און איך בין דאמאָלס געגאנגען צו איהם צו שלש סעודות, און זאָ ווי איך בין געקומען צו איהם און האָב איהם געזאָגט גוט שבת האָט דער מגיד אויס געדרייט דאָס פנים פון מיר און ער האָט מיר געזאָגט מיט דיזען לשון שמעון די ביזט נאָך יונג אין יאָהרען און האָסט מיך אָהן גענומען ביי מיינע אוירען און האָט מיך געוואָרפען אויף דער ערד און איך בין געבליבען ליעגין. און ר' שמעון האָט צו זיי געזאָגט דעריבער זעהט מיר באלד א פנים אז איך זאָל פאָהרען קיין קאָזיניץ צו זעהן דאָס פנים פון מגיד און תיכף זאָ ווי עס איז גאָהר געוואָרען טאָג איז ר' שמעון דיימש געפאָהרען קיין קאָזיניץ. און זאָ ווי ער איז געקוממען קיין קאָזיניץ און האָט אויף געעפינט די טיהר פון חדר פון מגיד איז דער מגיד איהם א קעגען געשפרינגען צו דער טיהר און האָט איהם געזאָגט מיט דעם לשון איך בין דער איינגינער. און פון דאמאלס איז ער געוואָהרען איין חסיד און איז געפאָהרען קיין קאָזיניץ און קיין לובלין. פון דיזע מעשה קאָן מען זעהן ווי ווייט מען ברויכט צו האַלטין פון גוטע יורען זייער זכות זאָל אינז ביי שטיין אמן:

---

## א וואונדערליכע מעשה פון ר' מאיר'ל פרימישלאנער זצ"ל.

דער רבי זצלה"ה מאסטילא איז געוועזין זייער אָרים ער האט א מאָהל געברויכט חתונה צו מאכען א טאָכטער און ער האָט ניט געהאַט קיין

קיין געלד זי חתונה צו מאכין. האט ער זיך מיישב געווען אז ער זאל ארום פאהרען און די שטעדט צו זאמען נעמען געלד ער זאל זי קענען חתונה מאכען. איז ער געפאהרען צו ר׳ מאיר פרימישלאנער און אזוי ווי ער איז געקומען קיין פרימישלאן און ער האט געגעבען שלום ביי ר׳ מאיר פרימישלאנער האט איהם ר׳ מאיר פרימישלאנער גיפרעגט ווער ער איז האט איהם דער רב מאיסטילא געזאגט אז איך בין דעם איסטילער רבי׳ס א זוהן. (דאס הייסט אז ער איז דעם אלטען איסטילער׳ס רבי׳ס א זוהן) האט איהם ר׳ מאיר׳ל גיפרעגט וואס ער פערלאנגט. האט דער איסטילער רב גיענטפערט אז ער פאהרט נאך געלד ער זאל חתונה מאכען זיין טאכטער. האט ר׳ מאיר׳ל געזאגט איך האב ניט קיין געלד. נאהר פאהר צו דעם און דעם פריץ ער האט געלד נאהר פאהר געשווינד דער רב מאיסטילא האט זיך געבעטען אז ר׳ מאיר פרימישלאנער זאל איהם לאזען דאווינען מנחה בעוויל עס איז שוין געוועזען די צייט פון מנחה. האט איהם ר׳ מאיר׳ל ניט ערלויבט נאהר ער זאל תיכף פאהרען. דער איסטילער רב האט געמוזט תיכף א וועק פאהרען פון פרימישלאן און האט געמוזט דאווינען אויף דעם וועג. און אזוי ווי ער איז געקומען לעבען דעם פריץ׳ס הויף. האט ער דערהערט א גרויס געשריי. דער איסטילער רב האט געשיקט זיין משמש געוואהר צו ווערען וואס דאס געשריי איז. דער משמש איז צוריק געקומען מיט א תשובה אז דעם פריץ׳ס ווייב איז א מקשה לילד און די דאקטורים האבען זיך שון און איהר מייאש געוועזען איבער דעם איז דאס געשריי.
דער איסטילער רב האט געשיקט דעם משמש צו דעם פריץ פון דעם דארף אז אזוי ווי א עס גיפינט זיך א רבי אין דעם דארף. ע״כ אויב דער פריץ וועט איהם געבין 300 רו״כ וועט דער רבי אויף איהר מתפלל זיין. אין מיט השי״ת הילף וועט זי האבין א קינד צום לעבין. ווי דער פריץ האט דאס דער הערט איז ער תיכף געגאנגין צום רביין און האט איהם צו געזאגט די סוממע געלד ער זאל בעטין אויף זיין ווייב רחמים. דער איסטילער רב האט זיך גישטעלט דאווינין מעריב. און נאך איידער ער האט נאך אפ געדאווינט מעריב איז מען צו איהם געקומין מיט א בשורה אז די יולדת האט געהאט א בן זכר. און דער פריץ האט דעם רביין געגעבין די 300 רו״כ. אין מען איז געקומען צו פאהרען צו דעם איסטעלער רב זצ״ל פון די שטעדט ארום אין א רום מיט קוויטלעך אין מיט גרויסע פדיונות ביז דער איסטעלער רב האט שוין געהאט 500 רו״כ ווי פיהל ער האט געברוכט צו האבען חתונה צו מאכען זיין טאכטער. אין נאך דעם איז דער איסטילער רב

צוריק

צוריק געפאָהרען קיין פרימישלאַן דער ציילען דעם רביין ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער וואָס עס האָט זיך מיט איהם פאַסירט. און ווי ער איז געקומען קיין פרימישלאן האָט זיך מיט איהם ר׳ מאיר׳ל זייער געפריידט און עס איז פינקט דעמאָלס גיוועזין ר״ח און ר׳ מאיר׳ל האָט געפיהרט סעודת ר״ח האָט זיך געמאַכט אַז אַזוי ווי דער רבי האָט געמאַכט די מוציא האָט ער געזאָגט ברוך אַתה יי אלהינו מלך העולם און ווייטער האָט ער ניט געקענט זאָגען. איז ער אַרוס געגאַנגען צו די חסידים און האָט געזאָגט נאָ ברוך אַתה און ער האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי ער האָט פאַר געסין וואָס מען זאָגט ווייטער נאָך העולם. אָבער די חסידים האָבען אין איהם פערשטאַנען אַז דער רבי האָט עפּיס אַ כוונה. איבער דעם האָבען זיי איהם גאָר ניט גיענטפערט. ביז דער רבי איז צו געקומען צו אַ דייטשיל און האָט איהם אויך גיפרעגט דאָס זעלבע נו העולם האָט זיך דאָס דייטשיל אָהן גערופען המוציא לחם מן הארץ און דענסטמאָהל האָט שוין דער פרימישלאנער געמאַכט די מוציא און נאָך די מוציא האָט ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער געזאָגט צו דייטשיל אַ ווילער דייטש ער האָט מיך מחיה גיוועזען ער האָט אַ גוטען קאָפּף דאָס דייטשיל האָט געהאַט אַ גרויסע הנאה דער פון. האָט זיך ר׳ מאיר׳ל אָהן גערופען בזה״ל „די פושעי ישראל אַז אויב די האָסט יאָה אַ גוטען קאָפּ פאר וואָס האָסטו בעכטען פער געסען צו מאַכען די ברכה ברוך אתה על העריות“ און ווי דאָס דייטשיל האָט דאָס דערהערט האָט ער זייער אָהן געהויבען צו וויינען און צו בעטען ביי דעם רביין ער זאָל איהם אַרויס געבען אַ תשובה. האָט ר׳ מאיר׳ל צו איהם געזאָגט איך וועל שוין מיט דיר ריידען אַ צווייט מאָהל נאָהר נישט יעצט און דער נאָך האָט איהם ר׳ מאיר׳ל אַרויס גיגעבען אַ תשובה און פון דעמאָלסט אָהן איז ער געוואָהרען אַ אמת׳ער בעל תשובה זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## אין דיזע מעשה ווערד ערציילט פון ר׳ אשר׳לס צוייא חתונות וואס זיין פאטער דער יוד הקדוש האט איהם חתונה גימאכט די ערשטי אין קאזיניץ און די צווייטע אין לעמבערג;

דאָס ערשטע ווייב הר׳ אשרליס זצ״ל איז גיוועזען זייער אַ גרויסע מיוחסת

מיוחסת זי איז געוועזען דאס צעהנטיא דור פון הארי״ זצ״ל און דער שידוך איז געוועזען זייער געליבט ביי זיין פאטער דעם יהודי הקדוש און אויף דער חתונה האבען זיך איין געזאמעלט די אלע גרעסטי תלמידים פון יהודי הקדוש און צווישען זיי איז אויך געוועזען ר׳ הערשיל פון לעמבערג (ער איז געוועזען דער פאטער פון ר׳ אשר׳לס צווייטע ווייב) און ווי דער יהודי הקדוש האט דערזעהן ר׳ הערשיל לעמבערגער האט ער איהם געזאגט גיי ארויס פון דאנין ווייל די שמחה איז ניט דיין און בשום אופן האט דער יהודי הקדוש איהם ניט גילאזט זיין אויף דער חתונה און ער האט געמוזט אוועק גיין פון דער חתונה און א היים פאהרען קיין לעמבערג און דאס איז געוועזען יעדען א ווינדער און ביז דער חופה איז דער יהודי הקדוש געוועזען זייער פריילוך און ווי עס איז געקומען פאר דער חופה האט דער יהודי הקדוש גענומען זיין שטעקין און האט אהן געלעגט זיין קאפ אויף דעם בעט און שטארק געזיפצט און איז אזוי געשטאנען א לאנגע צייט און ווי די מחותנים האבען דאס דערזעהן האבין זיי זיך שטארק געוואונדערט באהר זיי האבען איהם ניט געוואלט מבלבל זיין. און ווי עס איז אדורך געגאנגען א פאהר שעה האט דער יהודי הקדוש אויף געהויבין זיין קאפ פון דעם בעט און האט געזאגט צו זיך מען מוז גיין צו דער חופה ווייל מען קען נישט פאר שעמין א יודישע טאכטער און דער יהודי הקדוש האט זיך אויף געשטעלט און איז געגאנגען צו דער חופה אבער זיין פנים איז ניט געוועזען זא פריילוך ווי פריהער. און די מענשין וואס זענען געוועזען אויף דער חתונה האבען זיך זייער געוואונדערט אויף די זאך:

איין פון די מחותנים אויף דער חתונה איז אויך געוועזען דער רבי ר׳ בינם וואס ער איז געוועזין פון דעם יהודי הקדוש׳ם גרעסטי תלמידים און ער האט געוואלט וויסען וואס דער יהודי הקדוש האט אהן געלעהנט זיין קאפ אויף דעם בעט. איז ער צו געגאנגען צום יהודי הקדוש און האט איהם גיפרעגט פאר וואס ער האט אהן גילעגט דעם קאפ אויף דעם בעט און פאר וואס עס האט זיך ביי איהם אב געריסען זיין גרויסען שמחה. האט דער יהודי הקדוש איהם גיענטפערט ווייל דער שטייגער פון דער וועלט איז אז אללע מחותנים קוממען אויף דער חתונה אפילו די וואס זענין שוין לאנג געשטארבין קומען אויך אויף דער חתונה האב איך גירעכינט און געהאפט אגאנצי טאג אז איך וועל זוכה צו זעהן דעם הארי״ ז״ל ווייל האב גירעכינט אז ער וועט אויך קומען דעריבער בין איך געוועזין פריילוך. נאהר זא ווי עס איז געקומען די צייט פאר דער

חופה

חופה און האָב איהם ניט גיזעהן האָב איך מיר געטראַכט אַז איך בין ניט
ראוי צו זעהן אָדער ער האָט ניט געקאָנט קומען דורך איין אַנדערע סיבּה
דעריבּער האָב איך אָהן געלעגט מיין קאָפּ אויף דעם בעט און האָב מיר
אַדורך גיקלעהרט און מיינע מעשים האָב איך געזעהן אַז די מניעה איז
ניט פון מיין זייט און איך בין ראוי איהם צו זעהן. האָב איך דאַמאָלס
פערשטאַנען אַז דער שידוך איז ניט קיין זיווג און עס איז מיר אויף
געגאַנגען אויף מיין רעיון אַז איך זאָל צו שיידען דעם שידוך נאָהר
וויא אַזויא קען מען פאַר שעהמען אַ יודישע טאָכטער און איך בין
תיכף געגאַנגען צו דער חופּה באָהר מיין האַרץ איז ניט גיוועזען מיט מיר
דעריבער האָב איך מיך ניט גיקאָנט זיך פריידען זאָ ווי פויער אין אַזוי איז
גיוועזען אַז זיין ווייב איז ניט גיוועזען מיט איהם קיין גאַנץ יאָהר און זי
איז נפטר געוואָרען:

אין אַצייט אַרום האָט דער יוד הקדוש געשיקט צו זיין תלמוד ר׳ הערשיל פון לעמבערג וואָס ער האָט ביי זיין זוהנ׳ס ערשטי חתונה אַהיים
געשיקט פון דער חתונה אַז ער וויל זיך מיט איהם משדך זיין מיט זיין
זוהן ר׳ אשר׳ל און עס פאַרשטייט זיך אַז ר׳ הערישל איז באַלד בעשטאַנין
אויף דעם און מען האָט באַלד געשריבען תנאים און מען האָט אָב געשמיעסט
אַז די חתונה זאָל זיין און לעמבערג און ווי עס איז געקומען די זמן
חתונה האָט ר׳ הערשיל אָהן געגרייט אַ שייני חתונה וויל ער איז גיוועזין
אַ גרויסער עושר און איין גרויסער מיוחס ער האָט פאַרשטאַנין אַז אַללע גרויסע
חכמים וועלען זיין אויף דער חתונה וואָס אַ זוי חתונה איז נאָך ניט
געוועזין אויף דער וועלט:

אין פאַר דער חתונה האָט דער יוד הקדוש פערלאַנגט פון זיין מחותן ר׳ הערישל אַז ער זאָל שיקען זיין ווייב מיט דער כלה צום
רבּי׳ן קיין לובלין אַז ער זאָל בענטשין די כלה פאַר דער חתונה. און ווי
די שונאים פון יוד הקדוש האָבען גיהערט פון דעם כבוד וואָס דער יוד הקדוש
וועט האָבען און לעמבערג אויף דער חתונה און זיי האָבען מורא געהאַט
אַז אַלע גרויסע לייט פון קירה זאָלען אָנהייבין צו פאָהרען צום יוד הקדוש
האָט און זיי אָהן געהויבין צו ברענגין אַ פייער און זיי האָבין זיך אַ עצה
געהאַלטין אַז זיי זאָלין פויעלין ביי דעם רבי׳ן פון לובלין אַז ער זאָל בשום
אופן ניט לאָזין זיין די חתונה און לעמבערג און זיי האָבען אַזוי געטוהן
זיי האָבען אַזוי פיעל גירעדט פאַר דעם רבי׳ן פון לובלין אויף דעם
ייד

יוד הקדוש ביז דער רבי פון לובלין האט זיי צו געזאגט אז ער וועט ניט לאזען זיין די חתונה און לעמבערג:

און וויא די מחותנת מיט דער כלה זענען געקומען קיין לובלין צום רביין אז ער זאל בענטשען די כלה פאר דער חתונה און דער יוד הקדוש מיט זיין זוהן דער חתן ר׳ אשר׳ל זענען שוין לאנג גיוועזען און לובלין וענען זיי אלע פיהר ארייין געגאנגען צום רביין אז ער זאל זיי בענטשען. האט דער רבי אויף זיי גוזר גיוועזען אז זיי זאלען באלד פאהרען קיין קאזיניץ און זיי זאלען דארט מאכען די חתונה און זיי זאלען ניט מאכען קיין לאנגי שהיות און גאר ניט אנדערש מאכען און ער האט ניט גילאזט דעם יוד הקדוש אפילו צו געבען א ידיעה זיין מחותן ר׳ הערשיל אז ער זאל קומען אויף דער חתונה ווייל דאס איז גיוועזען דער גאנצער אויף טוה פון די שונאים פון יוד הקדוש ווייל זיי האבען מורא געהאט אז טאמער וועט דער יוד הקדוש שרייבין צום מחותן ר׳ הערשיל א בריף אז ער זאל קומען קיין קאזיניץ וועט ער מיט זיך מיט נעמין די אללע גדולי הדור פון קירא אויף דער חתונה קיין קאזיניץ און זייער גאנצי ארבייט וועט זיין צו נישט און דער געבאט פון רביין פון לובלין איז געוועזען אזוי שטארק אויף זיי אז זיי האבען געמוזט באלד פאהרען קיין קאזיניץ און דארט מאכען די חתונה אפילו אהן דעם מחותן:

נאך די שבע ברכות האט באלד דער יוד הקדוש געהייסין זיין זוהן ר׳ אשר׳ל פאהרען צו זיין שווער ר׳ הערישל קיין לעמבערג און ווען זיי האבין זיך גיזעגינט האט ר׳ אשר׳ל געזאגט צו זיין פאטער דעם יוד הקדוש וואס פאר א לעך געלד וועסט די מיר מיט געבין האט איהם זיין פאטער גיענפערט איך וועל דיר זאגען א זאך נאהר די זאלסט וויסין ווי אזוי זיך צו פיהרען מיט דער זאך וועט דיר בעסער זיין וויא א סאך געלד. אז לעבין דיין שוועהר וואהנט דארט א שיסטער ער איז א פערבארגינער פון די ל״ו צדיקים און די זאלסט וויסין ווי אזוי זיך צו פיהרען מיט איהם און זיי האבען זיך געזעגינט און זיי זענען זיך צו פאהרין בשלום

און ווי ער איז געקומען קיין לעמבערג האט ר׳ אשר׳ל זיך גיוואלט זעהן מיט דעם פערבארגינים שיסטער האט ער זיך מיישב גיוועזין אז ער זאל זיך מאכען א פאהר שיך ביי דעם שיסטער אין ר׳ אשר׳ל האט געזאגט זיין ווייב אז זי זאל איהם מאכען א פאהר שיך ביי דעם שיסטער זייער שכן חאט מען געוואלט ריפען דעם שיסטער צו ר׳ אשר׳לן האט ער בשום אופין ניט גיוואלט ער האט געזאגט אז ער וועט צו דעם שיסטער

שוועסטער אַליין גייַן. האָבען איהם זייַן הויז געזינד שטאַרק גיבעטען אַז ער זאָל ניט אַליין גייַן צום שוועסטער און ער האָט זיי געמוזט נאָך געבין און מען האָט צו איהם גערופען דעם שוועסטער און ער האָט גענומען די מאָס און האָט מיט איהם אָב געשמיעסט אויף וועלכען טאָג ער זאָל איהם אָב ברענגען די שיך. און ר' אשר'ל האָט זיך געמאַכט אַז ער גלייבט איהם ניט אַז ער מאַכט איהם שוין די שיך נאָהר יעדען טאָג וואָס ער איז גיגאַנגען מיט דעם טלית ותפילין דאַווינען האָט ער אָב גיטרעטען בייַ דעם שוסטער צו זעהן צו ער מאַכט איהם די שיך ווייל ער האָט גיוואָלט זעהן זיינע מעשים און אַזוי האָט ער געטוהן דרייַ טעג יעדען פריה איז ער בייַ איהם גיוועזען און ווי עס איז געקומען דעם פערדין טאָג האָט איהם דער שוסטער גיגעבין איין שיך:

**און דעם** פינפטען טאָג ווי ר' אשר'ל איז אַרייַן געקומען צו דעם שוסטער האָט ער געטראָפין די שטיב און גאַנצען ליידיג עס איז שוין דאָרט גאָהר ניט געוועזין און ר' אשר'ל האָט זייער גיטרויערט אויף די זאַך און ער איז געגאַנגען צום בעל הבית פון דעם הויז און האָט איהם גיפרעגט אפשר ווייסט ער ווי דער שוסטער האָט זיך געצויגען. האָט איהם דער בעל הבית גיענפערט איך ווייס ניט מעהר נאָהר זייגער 12 בייַנאַכט איז דער שוסטער צו מיר אַרייַן געקומען און האָט זיך מיט מיר אָב גירעכינט מיט דעם שכר פון דער דירה און וויפיעל עס איז מיר געקומען האָט ער מיר בעצאָהלט און ער האָט אַרויף גילייגט זיינע זאַכין אויף די פיהר און ער איז אַוועק געפאָהרען פון דאַנען און איך האָב איהם ניט גיפרעגט ווי ער פאָהרט האָט זיך ר' אשר'ל זייער מצער גיוועזען אויף די זאַך און ער האָט איהם שוין מעהר ניט געפינען. דער זכות פון די צדיקים זאָל אינץ בייַ שטיין ווי מיר וועלען זיך ווענדין אכיר"א:

# דאָ ווערד ערצייַלט ווי אַ יונגער מאַן איז ניצול געוואָרען פון אַ גרויסע עבירה וואָס ער האָט דערזעהן פאַר זיך די צורה פון זיין רבי'ן דעם מאָגעלניצער זצ"ל:

**אַמאָהל האָט** ר' משה וואַרשיווער דערצייַלט פאַר די חסידים פון מאָגעלניצער אַז איין מאָהל אין וואַרשא בין איך געגאַנגען

און

און גאַס און האָב דערזעהן איין יונגער מאַן פון מיינע בעקאַנטע און ער איז גילאָפען זייער צו רידערט און דערשראָקען האָט מיך די זאַך זייער אָהן גערירט און האָב געוואָלט וויסען וואָס עס איז איהם. און איך בין איהם נאָך גילאָפען ביז איך האָב איהם אָהן גיכאַפּט און האָב גיפרעגט וואָס עס איז איהם און וואָס ער איז אַזוי דערשראָקען האָט ער מיר נים געוואָלט ענטפערען און איך האָב איהם זייער שטאַרק גיבעטען אַז ער זאָל מיר זאָגען וואָס עס האָט איהם אַ אומס געטראָפען וואָס ער איז אַזוי צו רידערט און ער האָט מיר נים גיוואָלט אויס זאָגען האָב איך איהם געזאָגט אַז זאָלסט וויסען איך בין אַ מקורב דעם מאַגעלניצער'ם און די קאָנסט מיר ערציילען סיי גיטס סיי שלעכטס און איך קאָן דיר אַ גרויסע טובה טוהן און האָב איהם זייער גיבעטען אַז ער זאָל מיר ערציילען וואָס עס איז איהם. דאַמאָלס האָט ער מיר הערשט דערציילט די זאַך זאָ ווי איך בין געגאַנגען און גאַס האָט מיך דער יצר הרע אָהן גירעדט אַז איך זאָל טוהן אַ עבירה ר״ל און עס האָט מיך פערפיהערט צו אַ הויז פון זונות ר״ל און זאָ ווי איך בין דאָרט אַריין געקומען און איידער איך האָב נאָך פערמאַכט די טיהר האָט זיך מיר גערדאַכט אַז דער מאַגעלניצער רופט מיך און ער פרעגט מיך נאָך וואָס גייסט די צו דעם אָרט און ווי איך האָב נאָהר דער זעהן די צורה פון דעם מאַגעלניצער בין איך זייער פערשעהמט גיוואָהרען און דורך דער בושה בין איך אַזוי צורידערט און איך קאָן צו זיך נים קומען:

און ווי איך האָב גיהערט די דאָזיגי רייד פון דעם יונגער מאַן האָב איך צו איהם גיזאָגט אַז עס האָט דיך אַזוי אַ נס געטראָפען דעריבער ווערלין מיר גיין בעזאַמען נעמען אַ ביסעל בראָנפין ווייל די ברויכסט צו לובין גאָט וואָס די ביסט ניצל געוואָרין פון די עבירה און מיר זענען ביידע געגאַנגען און מיר האָבען בעזאַמען געטרינקין בראָנפין דער נאָך האָב איך צו איהם געזאָגט הער מיך אויס יונגער מאַן אַז מיין עצה וואָלט געוועזין אַז די זאָלסט פאָהרען אויף שבת קיין מאַגעלניצע האָט ער מיר גיענטפערט אַז ער וועט ניט פאָהרען ווייל די בושה איז מיר זייער גרויס האָב איך איהם צו געזאָגט אַז איך וועל מיט איהם מיט פאָהרען און ווי מיר זענען אַריין געקומען צום מאַגעלניצער ז״ל און ווי מיר האָבין נאָהר אויף גיעפינט די טיהר פון דעם מאַגעלניצער האָט ער אינך געזאָגט מיט דיזען לשון ביז וואַנען איך האָב נים גיזעהן אַז עס האָלט נאָהנט האָב איך גיוואַרט אָבער אַזוי ווייט האָב איך זעך נישט גיקאָנט איין האַלטין. און ווי דער יונגער מאַן האָט דערהערט

די

די רייד האט ער אהן גיהויבען צי ווייזען האט איהם דער מאגעלניצער ארויס גיגעבען א תשובה אין דער יונגער מאן איז גיוועזען אין מאגליניצע א לאנגע צייט אין יעדען שבת האט דער מאגלעניצער מקרב גיוועזען דעם יונגער מאן אין ער האט יעדעס מאהל געזאגט חאטש די יצר הרע האט איהם אהן גירעדט. אין דעם נאמען פון דעם יונגער מאן האט ער ניט אויס געזאגט. פון דער מעשה קאן מען זעהן ווי גרויס דער כח פין צורת רבו און יעדער מענש בראכט אויף זיך צו נעמען אז ווען ער איז אין א עת צרה אדער אין א נסיון זאל ער זיך פארשטעלען זיין צורת רבו אין דעם זכות פין די צדיקים זאלען מיר אב גיהיטען ווערין פין כל שלעכטץ אמן:

---

# און דיעזע מעשה ווערד ערציילט ווי א מתנגד האט גיוואלט מבייש זיין דעם רבי'ן ר' משה מקאזיניץ אין ער האט איהם גיפרעגט איין שווערין תוספות;

דער מאגעלניצער האט דער ציילט אז איין מאהל ווען ר' משה'לי פון קאזיניץ האט געדאווינט אין ביהמ"ד האט זיך דערוועקט איין חשק צו איין מלמד אז ער זאל פאר שעהמען ר' משה'לי ווייל ער איז גיוועזען פון זיינע מתנגדים איז דעם מלמד איינגעפאלען אז ער זאל פרעגען ר' משה'לי א שווערינ תוס' ער האט גירעכינט אז ער וועט איהם ניט וויסען וואס צי ענפערין ווייל מענטשען האבען געזאגט אז ר' משה'לי קאן ניט לערנען אפילו א קליינעם תוס' און א שווערין תוס' קאן ער זעכ יר נישט און הרי' משה'לי איז דאמאלס גיגאנגען און די תפילין ר"ת איז דער מלמד דער מתנגד גיגאנגען און האט צו געברענגט א גמרא און האט ר' משה'לי גיוויזען דער מאמר ר"ת אין דעם תוס' אז ער זאל איהם זאגען דעם פשט פון דעם מאמר רבינו תם האט ר' משה'לי גענומען די גמרא פון דעם מלמד'ס האנד און האט א ביסיל איין גיקלערט און דעם תוס' און ער האט איהם געזאגט דעם ריכטיגען פשט פון מאמר רבינו תם האט זיך דער מלמד זייער געווינדערט ווייל ער איז גיוועזען אויך איין גרויסער למדן אין ער האט גיפרעגט צו אסאך גרויסע לומדים אין עס האט קיינער נים געוויסט דעם תוס' אין ר' משה'לי האט אין אייניגי מנוט געזאגט

געזאָגט דעם תוס׳ מיט דעם ריכטיגען פשט און דער מלמד איז זייער צורידערט געוואָהרען און האט געטומען זיין טלית ותפילין און האט געזאגט איך שווער איבער דעם טלית ותפילין אז דאס איז ניט פון ר׳ משה׳לם קענעכץ נאָהר דער ר״ת אליין האט איהם געזאגט דעם פשט פון דעם תוס׳. האט ר׳ משה׳לי זיך אָהן געריפען וואס וויל דער שוטה וואס מאכט ער אזא רעש מעהר. אללע יודען וואס זיי לערנען בעטען דעם בעל המאמר אז זיי וועלען האבען א שווערי זאך זאל ער זיך צו זיי ווענדין אין זיי זאגען דעם פשט פון דער זאך. און וויא דער מאגעלניצער האט גיענדיגט דיעזע מעשה האט ער געזאָגט צוא זיינע חסידים מיט דיזען לשון זעהט איהר אז מיין פעטער׳ס תהילים איז בעסער ווי אונזער פלפול צו וואס ער גייט צו איז עס זיינס. אין אמת ווען ער זאל האבין עוסק גיוועזין אין נגלה אויך וואלט ער גיוועזין איין גרויסער למדן אין זיין דור וויל ער האט געהאט איין שארפין קאפ. נאהר איך האב גיהערט פון מיין טאטין וואס ער האט גיהערט פון דעם הייליגען מגיד זצ״ל אז אין דעם ערשטין גלגול האט ער נאהר עוסק גיוועזין במזון הגוף דהיינו און גוף התורה און יעצט וויל ער ניט עוסק זיין נאהר אין גוף הנשמה דהיינו אין לימוד הקבלה. דער זכות פון דעם הייליגען צדיק זאל אינץ ביי שטיין עם כל טוב:

# דא ווערד דער ציילט וואס פאר א סוף דער מענטש האט געהאט וואס האט גישפעט אויף דעם מאגעלניצער רבי׳ן זכרונו לברכה:

מען האט געברענגט איין דבוק ר״ל קיין מאגעלניצע צום רבי׳ן און אזוי ווי מען האט זי געבראכט לעבען דעם רבינ׳ס בית המדרש האט זי זיך אויס געריסען מיט כח פון די מענטשין וואס זיי האבען זי געפיהרט. און עס איז געוואָהרען א גרויס געשריי האט דער מאגעלניצער ארויס געשיקט געוואָהר ווערען זיין משמש וואס פער א גייעס עס איז. איז דער משמש צוריק געקומען מיט א תשובה אז מען האט גיברענגט א דיבוק און ער וויל ניט בשום אופ׳ן אריין גיין אין בית המדרש אריין. האט דער מאגעלניצער געזאגט צו זיין משמש אויף געוויס איז דער מענטש פון די אין די שטאָדט און ער הייסט משה איבער דעם גיי ארויס צו

דעם

דעם דבוק און זאָג איהם אַז דער רבי רופט איהם און אויב ער וועט ניט דיך האָבין זאָלסט איהם רופען ביי דעם נאָמען וועט ער דיך אויף געווויסט האָבין · דער משמש האָט אַזוי געטוהן און האָט איהם געזאָגט אַז דער רבי רופט איהם האָט דער דבוק איהם ניט געוואָלט האָבין נאָר דער נאָך ווי דער משמש האָט איהם גערופען ביי זיין נאָמען איז ער תיכף אַרויין געגאַנגען און בית המדרש אַריין · און אַזוי ווי ער איז געקומען פאר דעם רביין האָט איהם דער רבי געזאָגט רשע זיי מתודה אויף דיין זינד פאר וואס עס איז דיר אַזוי געקומען · האָט דער דבוק געזאָגט אויב איהר ווייסט ווי אַזוי איך היים אויף געווויסט ווייסט איהר אויף פאר וואס דאס איז מיר געקומען האָט דער רבי געזאָגט איך ברויך ניט צו האָבין אַז איהר זאָלט מיר זאָגין וואס איינער זינד איז גאָהר איך וויל אַז איהר זאָלט מתודה זיין אויף איינער זינד וועט איהר נעהאָלפען ווערען · האָט דער דבוק זייער אָהן געהויבען צו וויינען און צו שרייען אַז דאס איז מיר געקומען בעוויייל איך האָב געשפעט אויף דעם רביין · האָט דער רבי געזאָגט יעצט אַז איהר האָט מתודה געוועזין גיי יעצט אַרויס פון איהר און ער איז באַלד אַרויס געגאַנגען און זי האָט געהאַט תיכף אַ רפואה דער נאָך האָט דער מאַגעלניצער געזאָגט צו די אשה אַז דאס איז איהר געקומען בעוויייל זיי איז ניט געוועזען געוואָרינט אין הפרשת חלה · זיין זכות זאָל אינז ביי שטיין אמן:

# דאָ ווערד ערצייאלט וויא אַ חָסִיד איז געקוּמֶען צוּם מַאגֶעלְנִיצֶער אוּן הָאט זִיךְ פַאר אִיהם מִתְנַצֵל גִיוֶועזִין אוֹיף אַחוּלָה אִין אוֹיף פַּרְנָסָה:

**אֵיינְמָאהל אִיז** געקומען איין חסיד צום מאגעלניצער און האָט זיך פאַר איהם מתנצל גיוועזען אַז עס איז ביי איהם איינער שלאַף אין די דאָקטורים האָבען איהם שוין מייאש גיוועזען · און נאָך האָט ער זיך פאַר איהם מתנצל גיוועזען אַז דאָס אָרימקייט איז ביי איהם אַזוי גרויס ר״ל אַז ער האָט ניט אפילו קיין ברויט און זיינע קינדער קומען צו אין רעדין ביי איהם אַז ער זאָל זיי געבען ברויט און ער האָט זיי נישט צו געהן. האָט איהם דער מאגעלניצער גיענטפערט איך וועל בעטען

פאר דיינט וועגען אז די זאלסט גיהאלפען ווערען מיט פרנסה און ממילא וועט שוין דער שלאפער אויך גיהאלפען ווערען מיט א רפואה שלימה ווייל צו וועמין גיט מען דען פרנסה אז ניט צו לעבידיגע ווייל די מתים דארפען דאך ניט קיין פרנסה. און פאר מיין זיידין דער מגיד איז אויך גיוועזין אזא מעשה ווען ער איז גיוועזען און קאזניץ איז גיוועזין א מגפה און א גרויס הינגער ר"ל איז מען געקומען צום מגיד אז ער זאל מתפלל זיין אויף די מגפה און אויף דעם הינגער האט זיי דער מגיד געזאגט איך וועל מתפלל זיין אויף דעם הינגער וממילא וועט זיך אב שטעלען די מגפה ווייל צו וועמען גיט מען דען ברויט אז ניט צו די לעבידיגע און אזוי איז גיוועזען דער חסיד איז באלד גיהאלפען געווארען מיט ביידע ישועות הן בפרנסה והן בבריאות און דעם זכות פון היליגען מאגעלניצער זאלען מיר גיהאלפען ווערען מיט געזונד און מיט א גוטע פרנסה און מיט כל טוב אמן:

איינמאהל האט דער מאגעלניצער דערציילט אז איין מאהל איז מיין זיידע דער מגיד שטארק שלאף גיוועזען און זיין זוהן ר' משה'לי איז נאך גיוועזען איין יונג יונגעל איז ר' משה'לי געקומען אין בית המדרש ארייז און האט זייער שטארק גיוויינט און האט געזאגט מיט דיזע ווערטער איך און אללע מענשען ווייסען אז ניט אין טאטינס חטאים איז ער אזוי שלאף נאהר א וודאי אין אינזערי חטאים דעריבער איז ניט דאה קיין אנדערי ברירה נאהר מיר זאלין תשובה טוהן וועט דער טאטע פאר געוויס האבען א רפואה שלימה. און זיינע רייד זענין ארייז געגאנגען אין די הערצער אריין און זיי האבען מתפלל גיוועזען מיט גרויס גיוויין און זייער תפילה איז באלד דערהערט גיווארען און דעם מגיד איז באלד בעסער גיווארען און איז געזונד גיווארען. פון דיזע מעשה קאן מען זעהן ווי גרויס תפילה איז השי"ת זאל אינץ אב היטען פון כל שלעכטץ אמן:

---

# דא ווערד ערציילט וויא צוויא מענטשין זענין געקומין צום רבי'ן קיין מעזיבוז אז ער זאל מתפלל זיין פאר זייערט וועגין אז זיי זאלין מצליח זיין און זייער מסחר איז גיוועזין באיסור:

אמאהל האט דער מאגעלניצער גיזאגט אז איך האב חסידים וואס זיי זעהן ביי מיר מופתים גייט אריין און זייער הארץ אז

זיי

זיי זאלען בלייבען און מיר. אבער איך האב מורא אז זיי זאלען ניט ח"ו פאר געסען אז איך דארף אויף די לאסקע פון גאט. ווייל וואס איז דען מאיר'ל איך בין דאך גאהר אקליין מענשיל נאהר ווייל איך בין א יוד און איך האב מורא פאר גאט און אויב עס וועט קומען צו מיר א מענש וואס זיין גאנץ פערזעכערינג איז און מיר און ער גידענקט ניט אז מאיר'ל ברויכט אויף גאט'ס לאסקע וועט ער א וודאי גאר גישם אויף טוהן ווייל ער האקט אב ח"ו דעם צנור אויף קליין געלד גירעדט. נאהר ווי באלד ער ווייסט אז מאיר'ל איז נאהר א שליח וועט דער יוד א וודאי אויף טוהן וואס ער בעדארף. און איך וועל אייך דערציילען א מעשה פון מעזיבוז. איין מאהל איז געקומען צום מעזיבוזער רב זצ"ל צוויי סוחרים און האבען פון איהם גיבעטין אז ער זאל פאר זייערט וועגען מתפלל זיין אז זיי זאלען מצליח זיין און זייערי מסחרים ווייל ביז יעצט האבען זיי געהאט גרויסע עגמת נפש פון זייער האנדעל האט זיי דער מעזיבעזיר רב גיפרעגט וואס א גישעפט זיי פיהרען האבען די סוחרים איהם ניט גיענפערט האט זיי דער מעזיבעזיר נאך אמאהל גיפרעגט מיט וואס זיי האנדלען ביז זיי האבען איהם געמוזט ערציילען אז זייער מסחר איז מיט חזרים און זייא האנדלען מיט א גוי בשתפות. האט זיי דער מעזיבוזער רב גיענטפערט מיט דעם לשון איהר מיינט אז איך ברויך ניט צום רבש"ע לאסקע און איהר האט געוואלט אז איך זאל גנבי'נין פון רבש"ע פאר אייערט וועגען א ישועה איהר האט גיהאט א גרויסען טעות איך אליין דארף אויך דעם רבש"ע לאסקע. פון דיזע מעשה קאן מען זעהן ווי יעדער מענטש דארף האבען בטחון און גאט און השי"ת זאל אינז העלפען מיר זאלען גיהאלפין ווערען מיט כל טוב אמן:

---

## דא ווערד ערציילט דער וויכוח פון דעם רבי'ן מלובלין מיט הרה"ק ר' אלחנן פלאנטשער זצ"ל.

דער מאגעלניצער האט דערציילט אז צווישען די גרויסע תלמודים פון רבי'ן אלימלך איז געווען איין גרויסער מפורסם און ער האט געהייסען הר' אלחנן פלאנטשער און ווי דער רבי ר' אלימלך איז נפטר געווארין האט דער רב ר' אלחנן פלאנטשער זצ"ל גירעכנט

גירעכענט אויף גשמיות וועט דער גאנצער עולם פון רביין ר׳ אלימלך פאהרען צו איהם אבער זיין רעכינונג איז געוועזען אומזאנסט און דער עולם האט אהן געהויבען צו פאהרען קיין לובלין און ווי דער רב ר׳ אלחנן פלאנט צו האט געזעהן אז דער עולם פאהרט קיין לובלין האט ער זיך מיישב געווען אז ער זאל זעלבסט אויך פאהרען קיין לובלין און איידער ער איז ארויס געפאהרען קיין לובלין האט ער ארויס געשיקט א ידיעה צום רביין מלובלין אז ער קומט צו איהם וויל זיין כוונה איז געוועזען אז דער רבי מלובלין זאל איהם א קייגען פאהרען און מען קען ניט אהן הענגי קיין זילבד און זיין כוונה וואס ער האט געוואלט אז דער רבי מלובלין זאל איהם אקייגען פאהרען וויל ווער עס האט גאהר גיקאנט דעם רב ר׳ אלחנן און דעם רביין מלובלין ווען זיי זענען געוועזען ביי דעם רביין אלימלך זצ״ל איז דער ר׳ אלחנן געוועזען א גרעסערע תלמיד און אויך איז ער פיהל עלטער געוועזען אין די יאהרען. אבער דער רבי מלובלין האט זיך דער פון גאהר ניט געמאכט און איז איהם ניט א קייגען געפאהרען און דער ר׳ אלחנן אזוי ווי ער איז געקומען קיין לובלין האט ער זיך געמוזט זיכען א סטאנציע און האט גירעכענט אז דער רבי פון לובלין וועט צו איהם קומען אויף דער סטאנציע אבער דער רבי איז צו איהם אויף דער סטאנציע אויך ניט געקומען האט ער געמוזט זעלבסט גיין צום רביין. און אזוי ווי ער איז געקומען אין בית המדרש אריין און האט געזאגט דעם רביין גיט מארגין אבער דער רבי האט איהם גאר ניט גיענטפערט דאמאלס האט שוין דער הרה״ק ניט גיקענט זיך איינהאלטין און ער האט אהן געהויבען נאך צו קלעהרען נאך דעם רביין מלובלין פאר וואס ער פיהרט זיך מיט איהם אזוי פ״עמד אין דאך דערצו בין איך דאך ביז יעצט געוועזען גרעסער ווי דער רבי מלובלין און ער האט זיך שטארק גיווינדערט אויף די זאך דערוויל האט זיך דער רבי מלובלין צו איהם אויס געדרייט און איהם גיפרעגט איהר האט גיקאנט דער רביין אלימלך האט ער איהם גיענטפערט יאה. איך האב איהם גיקענט האט ער איהם נאך אמאהל גיפרעגט מיט וואס האט איהר איהם גיקענט האט ר׳ אלחנן פלאנטשער גיענטפערט איך האב איהם גיקאנט מיט דעם אז זיין גאנץ אב טוהן אויף דער וועלט איז גאהר געוועזען אויף עולם הזה איין הינדערט חלק. און גיין נייינציג פריצענט אויף עולם הבא. האט דער רבי איהם געזאגט איהר האט איהם גאהר ניט גיקענט אפילו פון דעם הינדערט חלק איז אויך געוועזען ניין און נייינציג פריצענט אויף יענער וועלט און דער רבי מלובלין האט געזאגט אז ווען דער רבי ר׳ אלימלך זאל האבנט

זיין

זײַן װאָלט עֶר פֿאַר מִיר בּעשטעֶנדאָן װי אײַן קנעֶכט פֿאַר זײַן האַר און דעֶר בּאָך האָט דעֶר רבּי מלאבלין איהם גיגעבּאַן שלום און האָט זיך מִיט איהם זײער געפֿרײדט. און אויף דעם האָט דעֶר מאגעֶלניצעֶר גיזאָגט אַז דעֶר װאָס אִיז ממלא זײַן רבּינ׳ס אָרט אִיז עֶר גרעסעֶר װי זײַן רבּי װײל עֶר האָט זײַן קדושה און זײַן רבּינ׳ס קדושה אויך. דעֶר זכות פֿון די צדיקים זאָל אונז בּײַ שטײַן אמן :